STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03259

EDELSHTAT'S FOLKS-GEDIKHTE

David Edelstadt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עדעלשטאט'ס

פאלקס־געדיכטע.

נייע

פארשטענדיגע אויסגאבע

פון

אללע זיינע ליעדער

היברו פאבלישינג קאמפאני,
83־85־87 קאנאל סט., ניו־יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

ISRAEL CENTER OF HILLCREST MANOR

„און דיזע ווערטער װעלען װערען
„א דאננער פלוך וואס וועט זיך הערען
„אין יעדעס הערץ, אין יעדער ברוסט.....

„אויף, וויא לייבען נאך דעם שלאף
„מענשען, מענער, אויף צום רוף!
„טרייסעלט אפּ דיא שווערע קייטען
„לאזט זיך ניט מעהר פון הערשער טרעטען
„פרייהייט איז דאס ענדע ציעל
„ווי זיינען וועניג—איהר זייט פיעל".

פ. ב. שעללי.

אינהאלט־פערצייכניס:

צו מיין פעדער 6
נאַטור און מענש 9
דער מיינער 12
אין קאַמפף 15
דיא פערשאָלטענע 17
אַ שטיקעלע ברויט 20
אַן דיא אידישע שריפטשטעלער 22
אַן דיא גענאָסען 24
דער בעליידיגטער העלד 27
מיין לעצטע האָפפנונג 31
מיין טרוים 33
דער יתום 36
אויפרוף צו דער „וואַרהייט" 39
מיין צואה 40
דער וועקער 41
אויפרוף אַן די „פרייע אַרבייטער שטיממע" 43
דיכטער און מוזע 47
פאָרוועדטס 50
צו די אַרבייטער פרויען 52
אויף אַ באַלל 54
זינגט מיט לוסט 56
סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ 60
לואיזע מישעל 63
דער לעצטער סטרייק 66
דער שניידער 69
עלענד 72
דער פריהלינג 73
אונזער אידעאל 76
דער אידישער פראָלעטאַר 78
אויף דער וואַכע 80
וואַכט אויף 81

מיין פריהלינגס־ליעד	83
אלבערט פארסאנס	85
דזשאן בראון	88
לואיס לינג	90
היינטיגע מענשען	93
צו מיין שוועסטער	94
דער קינדער־מערדער	98
צום משוגע'נעם פילאזאף	104
דער 11טער נאוועמבער	106
איך בין דאס שווערד, איך בין דער פלאם	108
בלומען און שטערען	110
וואהרע און פאלשע העלדען	113
דער וואנדערער	116
מוטער און קינד	118
דער פאל פון דער באסטיליע	120
דער ארבייטער	122
מערץ־בילדער	125
דער 13טער מערץ	127
פון היינע	129
אויפ'ן שלאכטפעלד	131
דער רויטער זעגעל	132
איין אלטע געשיכטע	134
דער אבענד גלאק	136
אויגוסט שפיעז	138
דער „11" אין דער פרעמד	140
אנארכיע	142
צוויי דיכטער	144
דיא פרייהייטס־געטטין	147
דער וואמפיר	150
צום אנדענקען, ק. גאלאפס	154
צום יאהר 1891	155
דער שוויין און דער נאכטיגאל	157
דער פערוואונדעטער אדלער	159

צום יאָהר 1789	162
אַ װיסענשאַפטליכער מאָרד	164
יציאת מצרים	168
די צװײ־פיסיגע חיה	172
די געפאַלענע	176
עס טאָגט	180
צו די פערטהיידיגער פון פינסטערנים	182
צום געבורטסטאָג	186
צום אַנדענקען פון ניקאָלאַי װ. שעלגונאָװ	189
דער זעלנער (נאָך היינע)	191
די טאָגעס־פראַגע	192
שפּאַניע	194
די הונגעריגע און די זאַטע	196
צו די פינסטערע בטלנים	198
צום אַרבייטער	199
צו די גאַטספאַרכטיגע בירגער	200
צו אַ פריינד	203
אַ גוט װאָרט	204
ניט עװיג	205
דיכטער	206
אונזער פרייהייט	207
דער אַלטער שמיעד	208
פון מיין טאָגע־בוך	209
די רעװאָלוציאָן	210
It was a Dream	212

צום אנדענקען
פון
דוד עדעלשטאט.

(געשריבען אין דעם טאג פון זיין טוידט.)

זיסע זון, פערבאָרג זיך איצטער,
וויקעל איין דיין שטראהלענפּראַכט
אין אַ ברייטער, ברייטער כמאָרע
שוואַרץ און פינסטער, ווי די נאַכט...

כ'וויל דיין שיינען יעצט ניט זעהן
ווען פערפינסטערט איז מיין הערץ,
ווען איהר יעדער, יעדער ווינקעל
איז געפיהלט מיט זעלען־שמערץ.

זאָל פערציהען זיך דער הימעל
מיט אַ וואָלקען רונד און רום,
כ'וויל נאָר איצטער טרויער טרעפען —
טרעפען טרויער אומעטום.

אויף די ביימער זאָלען פויגעל
זיצען טרויעריג און שטום,
צו דער ערד זאָל זיפצענד בויגען
זיך אין פעלד די שעהנע בלום.

וואו איך וועל זיך קעהרען, וועגדען
זאָל איך טרעפען טרויער היינט,
זאָל נאַטור מיר העלפען קלאָגען
אויף אַ וואהרען מענשענפריינד...

* *
*

דאָרטען, אין אַן אָרעמער שטיבעל
ליגט פערגליווערט אויפ'ן בעט
יעצט די לייבע פון אַ קעמפפער —
פון אַן ארבייטער פּאָעט.

נאָך די פיעלע, פיעלע ליידען
אין זיין קורצער לעבענסצייט,
נאָך די זאָרגען, נאָך די צרות
האָט דער טוידט איהם יעצט בעפרייט.

קאַלט און שטום, און איינגעפראָרען
שטעהט זיין הערץ אין זיין ברוסט —
יענע הערץ, וואָס האָט געשלאָגען
און געגליהט מיט פרייהייט-לוסט...

יענע הערץ, וואָס האָט בעדויערט
אַלע אָרעמע, שוואַכע קנעכט,
וועלכע האָבען ניט קיין פרייהייט
און קיין ביסעל מענשען־רעכט —

יענע הערץ, וואָס האָט געשאָלטען
ווייט און ברייט דאָס קאַפּיטאַל,
וועלכע האָט די ערד פערוואַנדעלט
אין אַ פינסטערען יאָמערטהאַל;

יענע הערץ, נאָר אַך, וואָס רייד איך!
פיעל צו שוואַך איז נאָך מיין פען
אָבצומאָהלען אַזאַ מוסטער,
ווי זיין הערץ איז וואַהר געווען.

צוגעקוקט האָט ער די פעהלער
פון דער שלעכטער פאַלשער וועלט,
און מיט ליעבע צו דעם שוואַכען
האָט ער זיך אין קאַמפּף געשטעלט.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס,
פאַר זיין הייליגען פּרינציפּ,
און די וואַהרע מענשענליעהרע
איז געפלאָסען פון זיין ליפּ.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס
זיך, זיין גאַנצע הויז־געזינד —
רוהיג זיצען פון דער ווייטען
איז געווען ביי איהם אַ זינד...

נים געקוקט אויף פערגעניגען
האָט ער אין דער שלעכטער צייט,
פערגעניגען האָט געהייסען,
פאָרטצוועטצען נאָר דעם שטרייט.

ווען פערפראָרען זיינען געוועזען
גראָב מיט אייז אין שטוב די ווענד,
דאַמאָלס האָט די מענשענליעבע
אין זיין הארצען שטארק געברענט.

שפעט ביינאַכט — נים אויסגעשלאָפען
דאָרשטיג, הונגעריג און מיעד
איז ער שטיל אַליין געזעסען
שרייבענדיג זיין פרייהייטס־ליעד.

יענע ליעד, וואָס יעדע שורה,
איז אַ שטאַרקער קריגס־סיגנאַל
אויפצוּוועקען אַלע שקלאַפען,
קעמפפען געגען קאַפּיטאַל.

טרערען, וואַרעמע הייסע טרערען
פלעגען פליעסען אימער פאָרט
פון זיין אויג אויף יעדער בלעטעל
און אויף יעדעס, יעדעס וואָרט.

ניט גערערט האָט איהם דער בּילען
פון דער באַנדע ווילדע הינד...
מיט אַ זיפץ פלעגט ער דאָס לאָזען
עס זאָל אוועקגעהן מיט'ן ווינד.

דאָך געפאַלען איז דער קעמפפער
צווישען אַלע אויפ'ן פעלד,
יאָ געפאַלען — דאָך געשטאָרבען
איז ער ווי אַ וואהרער העלד.

„גלויב אין זיך ניט ביז דיין ענדע"
זאָגט אַ שפּריכוואָרט, קלוג און וואהר.
זעהט! זיין ענדע איז געקומען,
זאָגט יעצט עדות פאַר דערפאַר...

זאָגט איהם פריינד און פיינדע,
אַז געשטאָרבען איז ער בראַוו;
ניט געביטען זיין אידעע,
די בעפרייאונג פון שקלאַף!

ניט געביטען — ביז געקומען
איז דער טוידט און האָט פערמאַכט
זיינע אויגען איהם אויף אייביג
פאַר דער אייביג פינסטערער נאַכט...

ערעלשטאַט! דו ביזט געשטאָרבען
פיהלסט ניט מעהר דעם וועלטענשמערץ,
דאָך דיין טוידט האָט פערוואונדעט
שרעקליך, שרעקליך מיר מיין הערץ.

ביזט געשטאָרבען... דאָך איך טרייסט זיך,
ווייל עס לעבט דיין גרויסער גייסט,
ווען איך וועל דיין ליעד נאָר זינגען
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרויסט...

און איך ווייס, די צייט וועט קומען
מיט דעם פרייהייטספולען גלאַנץ.
דאַן וועט יעדער איינער לייגען
אויף דיין גראָב אַ בלומען־קראַנץ.

י. באוושאווער.

17טען אקטאבער 1892

צו מיין פעדער.

מיין פעדער, מיין ליעבלינג, מיט דיר אליין
ווייס איך פון זיסע מינוטען,
נור דוא שטילסט איין מיין הערצענס געוויין
און לאזט איהם ניט פארבלוטען.

*

איך אטהעם פריי אין דיינע שריפטען,
איידער עס דרוקט זיי דאס בליי,
איידער דיא וועלט הייבט אן זיי פערגיפטען
מיט ציניש׳ע הייכלעריי.—

*

דיא וועלט, ביי וועלכע דאס געלד איז נור טהייער,—
זעלבסטזיכטיג, גייסטלאז, פערפראהרען,—
וויא קען זיא בעגרייפען דעם הייליגען פייער,
וואס האט דיינע ליעדער געבארען?

*

וואס געהט איהר אן, אויב דוא שרייבסט מיט טינט
אדער מיט הייסע טרעהרען?
וואס איז א דיכטער? — א טרוימער, א קינד
פערליעבט אין בלומען, און שטערן?

מיין פעדער, דוא ביזט מיין גייסטיגע שווערד,
איך שטעה מיט דיר אויף דער וואכע,
אללע ליידענדע קינדער דער ערד
רופ איך צום קאמפף און צו ראכע!

*

וואס וואלט איך געטהאן אהן דיר אויף דער וועלט,
ווענען וואלט איך נאך אזוי ליעבען?
דיא וועלט מיט איהר זעלבסטזוכט, שווינדעל און געלד
וואלט שנעל מיך אין קבר פערטריבען.

*

וואס וואלט איך טהאן, איך אונפראקטישער יונג,
טרוימעריש און נאאיוו?
וואס אויפ'ן לונג, דאס אויפ'ן צונג
פון ביזנעס קיין בעגריעף?

*

א טרוימער, וואס זיין הערץ פערביטערט
א צוטראטענע בלום אין גאס,
זעהט ער א בעטלער, ווערט ער פערציטטערט,—
א היימלאזעס קינד מאכט איהם בלאס.

*

וואס וואלט איך געטהאן אין דעם פראטישען שמוץ,
וואו טויזענדער אנדערע לעבען?
וואס וואלט איך געבראכט דער וועלט פיר א נוץ,
וואס וואלט איך דיא ליידענדע געבען?

ווי וואלט איך געלעבט אהן דיין הייליגען צויבער,
מיין פעדער, מיין איינציגער פריינד!
ווי וואלט איך געבראנדמארקט די מערדער און רויבער,
דער פרייהייטס ביטערע פיינד?

*

מיט דיר בין איך שטאלץ, מיט דיר בין איך מונטער,
איך פיהל, דאס איך ארבייט און לייסט,
עס פאלען די אייזערנע קייטען ארונטער,
עס שטייגט צו די וואלקען מיין גייסט!

*

נור דער טוידט וועט אונז צושיידען!—
און ווען צובראכען, פערפאלגט,
פאל איך... דאן וועסט דו פאר מיר רעדען,
צום פאלק, צום ליידענדען פאלק!

נאטור און מענש.

ווי זאל איך ברידער פרעהליך זינגען,
ווען האס און קריעג איז איבעראלל?
עס שיינט מיר טיעפע שמערצען קלינגען
אויך אין דעם ליעד דער נאכטיגאל!

*

עס שיינט מיר דאס דער מאנד און שטערן,
די זילבערווייסע ליליענבלום
זינד פול מיט הייסע מענשענטרעהרען
און זינד פון שרעקען בלאס און שטום...

*

ווען מענשען ליידען, קלאגען, זארגען
קען די נאטור דען פרעהליך זיין?
ווען, טרעהרען בלוטיגע פערבארגען
זינד אין איהר רויטען זאנענשיין!

*

זיא זעהט וויא איהרע מענשענקינדער
האבען פערוויסט די שעהנע וועלט,
און איהרע ליעבלינגע וויא רינדער
ווערען גע'שחט, פערקויפט פיר געלד...

ווען דיא נאטור גיסט פערלטרעהרען
אונ מיט איהר וויינט דער בלומענטהאל,
עס וויינען זאננע, מאנד און שטערן
און טרויעריג קלאגט דיא נאכטיגאל...

*

עס קלינגען אפ דיא שמערצען־ליעדער
אין ברוסט פון ליידענדען פאעט,
און פיר דער מענשהייט קניעט ער ניעדער
מיט הייסע טרעהרען און געבעט.—

*

א מענש! פיר ליעבע, גליק און לעבען
איז דיא נאטור, דיא וועלט געשאפט,
דיר איז א פרייע ערד געגעבען—
דאך יעצט איז ערד און מענש פערשקלאפט!

*

ווער זיינע ברידער קען פערשקלאפען,
פערגיסען בלוט—דער איז א העלד,
און דיעזע הענקער זינד דיא גראפען,
מאנארכען, קעניגע דער וועלט!

*

עס גיעבט אויך פרייע רעפובליקען,
וואס זינד בלויז פריי אויף דעם פאפיער,
און פול מיט קנעכט זינד דארט פאבריקען,
און יעדער הערשער א וואמפיר.

*

איך רוף צו אייך, פערשקלאפטע ברידער,
וואכט אויף! פעראייניגט מוטה און קראפט
און שטירצט דיא ווילדע הערר'שער ניעדער,
דאן לעבט און ליעבט, געניסט און שאפט!

*

און דיא נאטור וועט פרעהליך זינגען,
פריי אטהעמט אויף דעם דיכטער'ס ברוסט,
און זיינע ליעדער וועלען קלינגען
מיט פרייע ליעבע, גליק און לוסט!

דער „מיינער".

(קאָהלענגרעבער).

1.

ווען איהר ווארמט זיך, ברידער, ביי דעם פרעהליכען פייער,
פערטהיידיגט פון רעגען אונד ווינד,
צו דענקט איהר א מאל, וויא שרעקליך טהייער
עס קאסט יעדער קאהל אונז א צינד?

2.

צו דענקט איהר א מאל, אז מיר צאהלען צו גוט?
איהר זעהט דיעזע גליהענדע אשעם?—
זיי זיינען געפארבט מיט מענשליכען בלוט
פון טויזענדער יונגע נפשות!

3.

דער פייער פלאקערט פרעהליך אונד שעהן,
דאך ציטטערט אין מיר יעדער אבר,
איך וויים, יעדער קאהל איז א מצבה־שטיין
פון אן ערמארדעטען „מיינער'ס" קבר.

4.

דאך ניין, דאס זיינען קיינע טוידטע שטיינער,
דאס ברענט א בלוטיגער בארג
פון ארבייטער ביינער, ארעמע ביינער—
דיא קאהלענגרוב וואר זייער זארג!

5.

ברידער, קענט איהר דאס שרעקליכען לעבען
פון א פערשקלאפטען „מיינער"?
זאגט, צו עס קאן אין דער וועלט נאך געבען
א פינסטערער שיקזאל וויא זיינער?!

6.

ער ארבייט פון קינדהייט אין דער ערד בעגראבען,
פאר'ן קארגען שטיקעלע ברויט,
און דאס קאנן ער אויך נישט אימּמער האבען,
אונד ליידט נאך הונגער אונד נויטה!

7.

מיט זיין אייגענעם קינד איז ער וועניג בעקאנט,
פארטאג נאך פערלאזט ער זיין שטוב,
אונד איילט צו דער ארבייט, צו דער שקלאפען שאנד,
אין דער קאלטער, פינסטערער גרוב!

8.

ער ארבייט אונד ארבייט אין זיין דונקלען געצעלט,
פיר דיא רייכע אייזענבאהנען,
פיר אללע דענקער אונד קינסטלער דער וועלט,
פיר אללע זאטטע טיראנען!

9.

ער ארבייט זיין לעבען אין שרעק אונד געפאהר,
לעבעדיגערהייט זיין פערשאטטען...
אונד וואס איז זיין לאהן? ער ווערט דערפאר
גערויבט! מיט דיא פיס געטראטען!!

10

קאהלען־באראנען, רויבער־באנדע!
איהר שעכט אונד בלייבט גערעכט...
אויב איהר זייט מענשען, איז א שאנדע
בעלאנגען צום מענשען־געשלעכט!

11.

דאן שטעהען דיא ווילדע טהיערע פיעל העכער
אין הומאניטעט ־ וויא איהר,
א טהיער איז ניעמאלס א פערברעכער
געגען זיין ברודער־טהיער.

12.

איין לייב וועט דעם צווייטען לייב נישט טוידטען,
אונד מענשען—קרוין דער נאטור—
מענשען פרעססען איינער דעם צווייטען,
ביז עס בלייבט פון זיי קיין שפור!

13.

ווען איהר ווארמט זיך ברידער, ביי א פרעהליכען פייער,
פערטהיידיגט פון רעגען אונד ווינד,
דענקט פון דעם „מיינער"! דענקט, וויא טהייער
עס קאסט יעדער קאהל אונז אצינד!

14.

דענקט פון דעם „מיינער", פון זיין פרוי אונד קינד,
פערשקלאפט ביי דיא גאלדענע געטטער,
זעהט, וויא זיי ווערען ערמארדעט וויא הינד,
אונד האבען קיין פריינד אונד קיין רעטטער!

15.

אונד, ווען איהר האט נור א ביסעלע מוטה,
וואכט אויף, גרייפט צו דיא וואפפען,
אונד מיט אייער הערץ אונד בלוט
פערטהיידיגט דיא ליידענדע שקלאפען!

אין קאמפף.

מיר ווערען געהאסט און געטריבען,
מיר ווערען געפלאגט און פערפאלגט—
און אללעס דערפאר ווייל מיר ליעבען
דאס ארעמע שמאכטענדע פאלק.

מיר ווערען ערשאסען, געהאנגען,
מען בערויבט אונז דאס לעבען און רעכט
דערפאר ווייל מיר אמת פערלאנגען
און פרייהייט פיר ארעמע קנעכט!

אבער אונז וועט ניט ערשרעקען
געפענגניס אונד טיראנניי,
מיר מוזען דיא מענשהייט ערוועקען
און מאכען זיא גליקליך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטען,
וויא בלוטיגע חיות אונז רייסט,
איהר וועט אונזער קערפער נור טוידטען,
אבער ניט אונזער הייליגען גייסט!

* * *

טיראנען! איהר קענט איהם ניט טוידטען,
דאס איז איין אונשטערבליכער בלום,
זיינע שמעקענדע, פלאמענדע קוויטען
בליהען שוין יעצט אומעטום!

זיי בליהען אין דענקענדע מענשען,
וואס ליעבען גערעכטיגקייט, ליכט,
אליין דיא נאטור טהוט זיי בענשען,
צום קאמפף, צו דיא הייליגע פפליכט.—

בעפרייען דיא ארימע שקלאפען,
וואס שמאכטען אין הונגער און קעלט,
און פיר דיא מענשהייט בעשאפען
א פרייע, א ליכטיגע וועלט.

וואו עס זאל ניט גיסען קיין טרעהרען,
ניט פליסען אונשולדיגעס בלוט,
און מענשען וויא גלענצענדע שטערן,
שיינען מיט ליעבע און מוטה!

* * *

איהר קענט אונז ערמארדען, טיראנען!
נייע קעמפפער וועט ברייגגען דיא צייט—
און מיר קעמפפען, מיר קעמפפען ביז וואנען
דיא גאנצע וועלט וועט ווערען בעפרייט.

דיא פערשאלטענע.

פריי נאך נעקראסאוו.

ווען איך וואנדער אליין אין דיא פינסטערע גאסען,
ווען איך הער זיך איין אין שטורם־ווינד־
שוועבסטו פאר מיר מיט דיין פנים בלאסען,
דוא היימלאזעס, קראנקעס, פערשאלטענעס קינד!

עס ערגרייפען מיך ווידער פערגעסענע שמערצען,
פון קינדהייט האט דיך שוין דער שיקזאל געהאסט,
דוא האסט איינעם געליעבט מיט דיין אדעלען הערצען,
מיט אנאנדערען האט דיך דיין פאטער פער׳קנס׳ט!

דיין מאן וואר א שלעכטער... דאך ניט לאנג האט גענומען
און דוא האסט צוריסען דיא שענדליכקייט...
און דוא ביזט צו דיין איינציגען פריינד געקומען,
דאך אויך ניט אויף גליק, נור אויף שמערצען און נויטה!

געדענקסט דוא דעם טאג, עס וואר א פינסטערע כמארע,
איך האב זיך געראנגעלט מיט הונגער און קעלט...
פון אטהעמען האט זיך געטראגען א פארע
אין אונזער פוסטען און קאלטען געצעלט!

געדענקסט דוא וויא דער שטורם האט ווילד געליארעמט,
וויא אונז האט אין קומען בעוויינט דער ווינד...
דוא האסט מיט דיין הייסען אטהעם געווארעמט
דיא הענטלאך פון דיין פערפראהרענעם קינד!

עס האט געשריען דער אונשולדיגער קרבן!
דיא נאכט איז געקומען... און דאס שוואכע קינד
איז פון הונגער און קעלט, אויף דיין ברוסט געשטארבען—
ארעמע מוטער, וואס וויינסט דוא אצינד?!

ער דארף שוין יעצט דיינע טרעהרען ניט האבען,—
מיר מוזען שטארבען פון הונגער וויא ער...
מיט פלוך וועט אונז דרייען דער לענדלארד בעגראבען,
און קיינער שענקט אונז קיין מענשליכען טרעהר!

מיר זיינען געזעסען פערזונקען אין שמערצען,
דוא ביזט געוועזען צובראכען און קראנק,
א קאמפף האט גערונגען אין דיין ליידענדען הערצען,
עס האט דיך ערגריפען א געהיימער געדאנק...

איך בין אנדרעמילט געווארען... דו האסט גענומען זיך דרעסן
וויא צו א באלל... און ביזט אוועק געשווינד,
אין א שטונדע האסט דוא געבראכט מיר צו עסען,
און א קליינעם זארג פיר'ן טוידטען קינד.

ISRAEL CENTER OF HILLCREST MANOR

מיר האבען דעם שרעקליכען הונגער פערטריעבען,
אין קאלטען צימער פייער געמאכט,
דאס טוידטע קינד אין זארג צוגעקליבען—
ווער האט אונז געהאלפען אין דער פינסטערער נאכט?

איך האב ניט געוואגט קייןווארט ביי דיר פרעגען,
און דוא האסט מיר אויך גארניט געזאגט...
דיין שווייגען איז אויף מיר וויא א שטיין געלעגען—
מיר האבען ביידע ביטער געקלאגט...

וואו ביזט דוא יעצט אונגליקליכער קרבן?
מיט דיין ביטערען עלענד און שרעקליכען נויטה!
ביזט דוא אין קאמפף מיט דיין שיקזאל געשטארבען?
אדער, געפאלען אין שאנדע און קויט!

אללע, אללע ווערען דיך פעראכטען,
יעדער וועט ווארפען אין דיר א שטיין—
איך אליין וועל מיט פלוך דיעזע וועלט בעטראכטען,
וואס קען פערדאמען, אבער ניט פערשטעהן!

א שטיקעלע ברויט.

*

פיר א שטיקעלע ברויט אהן קייטען, אהן סם!
ביז מיין טוידט וואלט איך ארבייטען גערען,
אבער ברידער! מיין ברויט איז יעצט פול מיט מיין דם,
פערגיפטעט מיט בלוטיגע טרעהרען.

*

עס רעבעלירען מיין הערץ און מיין מוח,
געגען דעם שענדליכען ברויט,
פיר וועלכען איך אפפער מיין לעבען, מיין כח,
און לייד דערצו ביטערע נויטה.

*

א שטיקעלע ברויט אהן סם און אהן קייטען,
ברידער! פערלאנג איך דען פיעל?
בין איך דען שולדיג אז איך קען ניט טוידטען
אין מיר יעדען מענשען־געפיהל?!

*

א שטיקעלע ברויט אהן שענדליכע קייטען,
ברידער! ווער עס וויל אזא ברויט,
דער מוז אונזערע הייליגע לעהרע פערברייטען,
קעמפפען אויף לעבען אונד טוידט!

*

ער מוז איבעראלל אין זיין ברוסט מיט זיך טראגנען
פון פרייהייט דעם הייליגען פלאם,
יעדען קנעכט, יעדען הערדשער ווארהייט נור זאגען:
„מיר ווילען קיין קייטען, קיין סם״.

*

מיר ווילען פריי ארבייטען און אויך פריי גענים סען,
דיא פריכטע פון אונזערע הענד,
מיר ווילען איהר זאלט אונז דאס בלוט ניט פערגיסען,
מיר ווילען פון קנעכטשאפט איין ענד!

*

מיר ווילען דיא פרייהייט, מיר ווילען דיא ערד,
מיר זעהען דיא צוקונפט מיט קלארהייט,
יעדער שקלאף איז א מענש, יעדער מענש איז א העלד,
„ווען זיין וואפפע איז ליעבע און ווארהייט!״

אן דיא אידישע שריפטשטעללער.

1.

האלט הויך דיא פאהן דער ליטעראטור,
איהר טעמפעל–הייליג אונד פריי,
זייט טריי דער ווארהייט, זייט טריי דער נאטור!
דער ליידענדער מענשהייט זייט טריי!

2.

בייגט נישט דעם קאפף פאר דער גאלדענער קאלב,
פיר רייכע, געפוצטע דיעבען,
צווינגט נישט מענשען זאגען נור האלב,
וואס זיי דענקען, האססען אונד ליעבען.

3.

וועגט יעדעס ווארט אונד יעדען געדאנק,
איידער איהר דרוקט נאך דיא שריפטען,
פיללייכט זייט איהר גאר מיט זעלבסטליעבע קראנק,
אונד וועט אויך דעם צווייטען פערגיפטען!

4.

א ריינעם געוויססען, א געזונדען פערשטאנד,
מוז א שריפטשטעללער האבען,
ניט, וועט ער זיך מיט זיין אייגענער האנד
אין זיין אייגענעם שמוטץ בעגראבען.

5.

מען קען אויך מיט שמוטץ א קראנץ זיך געווינען,
ביי דיא, וואס זינד דום אונד געמיין,
דאך הייליגע אכטונג דער מענשהייט פערדיענען,
קען נור דער עהרליכער דענקער אליין!

6.

זייט פיר'ן פאלק ליכטיגע שטערן,
אין דער פינסטערער שקלאפען־נאכט,
בעלייכט זיינע קייטען, וואונדען אונד טרעהרען,
ערוועקט אין איהם האפפנונג אונד מאכט!

7.

פלאנצט אין זיין הערצען פרייע געדאנקען,
פון גלייכהייט און ברידערליכקייט!
אונד דיא גאלדענע צוקונפט וועט אייך בעדאנקען,
מיט דעם קראנץ דער אונשטערבליכקייט!

אן דיא גענאסען.

דיא נאכט איז פינסטער, מען זעהט ניט קיין שטערן...
דער הימעל איז שווארץ וויא דיא ערד,
ווילד רוישט דער ים פון מענשליכע טרעהרען,
עס הערשען נור היינקער און שווערד —

*

דיא ווארהייט ליעגט עלענד, אין קייטען געשלאסען,
פערוואונדעט פון שרעקליכען פיינד,
אה, ווארהייט! וואו זיינען דיינע טרייע גענאסען?
וואו זיינען דיינע עהרליכע פריינד?

*

ווארום קומען זיי ניט היילען דיינע בלוטיגע וואונדען,
און טהאן זייער מענשליכע פפליכט?
איז דען אויף עוויג דיא זאננע פערשוואונדען,
פערלאשען איהר הייליגעס ליכט?

*

איז דען דיא גייסטיגע מענשהייט געשטארבען—
עס לעבען נור היינקער און קנעכט?
און אללעס וואס העסליך איז, שמוציג, פערדארבען,
נור דאס האט צו לעבען דאס רעכט?

*

ניין ברידער, איך קען ניט, איך וויל דאס ניט גלויבען!
מיר זיינען פערמאטערט, פערשקלאפט,
אין שטייגען פערצאמט, וויא געפאנגענע לייבען,
אבער דאך איז ניט טוידט אונזער קראפט!

*

דיעזע מענשליכע קראפט קען נאך וואונדער בעווייזען,
ווען דער שטורם ערוועקט אונזער גייסט,
וויא מיט צויבער צושמעטערט זיא שטיינער און אייזען,
אויף שטיקער דיא קייטען צורייסט!

*

דער קען ניט דיא האפפנונג אויף פרייהייט פערליערען,
ווער עם וויים דיא געשיכטע דער וועלט.
נור אין דער פינסטערניש קענען רעגיערען,
געוואלדהייטען, שווינדעל און געלד.

*

דאך וויא עס קומט נור דער ליכטיגער מארגען,
איז היינקער און טראהן אין געפאהר,
אללעס שלעכטעס, וואס איז אין דער פינסטער פערבארגען,
ווערט דעם פאלק דאן פערשטענדליך און קלאהר.

*

עס ברעכען דיא קייטען, עס פאלען דיא טראהנען,
עס רעגיערט נור דער פרייער פערשטאנד,
מען ברויכט ניט קיין בלוטהונד, מען דארף ניט קאנאנען,
ליעבע און עהרע בעוואכען דאס לאנד.

און ווען איהר האט האפפנונג, פערליערט ניט די וואפפען,
וואס קענען אייך פיהרען צום זיעג,
פערליערט ניט דיא ווארהייט, זיא קעמפפט פיר דיא שקלאפען
פיר מענשליכע פרייהייט און גליק!

*

זעהט וויא דיא ווארהייט איז עלענד, בעגאסען
מיט טרעהרען, א בלוטיגער טייך —
קוממט צו איהר, רעטעט זיא, ברידער גענאסען!
זיא קעמפפט אונד זיא בלוטעט פיר אייך!

דער בעליידיגטער העלד.

1.

מיט א פרייעם גייסט אונד אייזערנעם מוטה,
איז ער איממער אין שטורם געשטאנען,
אונד האט וויא א העלד מיט זיין הערץ אונד בלוט,
געקעמפפט געגען אללע טיראנען.

2.

ער האט עלענד געוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט,
פערפאלגט פיר זיין ליעבע צו ווארהייט,
אין איין האנד א זארג פיר'ן גאלדענעם גאטט,
אין דער צווייטער א פאקעל דער פרייהייט!

3.

דיא הערדשער האבען געקריצט מיט דיא ציין,
פערדאמט איהם געשלעפט צום געריכט,
דאך איז ער געבליעבען אייזען אונד שטיין,
אין קאמפף פיר פרייהייט אונד ליכט.

4.

וואס מעהר דיא טיראנען פון אונזער יאהר־הונדערט,
האבען דעם קעמפפער פערפאלגט,
דעסטא מעכטיגער האט זיין שטיממע געדונערט,
פערטהיידיגט דאס ליידענדע פאלק.

5.

אונד איז מען בעגאנגען א שרעקליכען מארד,
איבער פרייע קעמפפער אונד דענקער,
וואר ער דער ערשטער, מיט טהאט אונד ווארט,
בראנדמארקען שווינדלער אונד הענקער

6.

ער שטעהט אין זיין קאמפף זא פריי אונד שטארק,
וויא עס איז נאך קיין קעמפפער געשטאנען,
פאר זיין רויטען פאהן אונד שווארצען זארג,
ציטטערען אללע טיראנען!

7.

דאך זעה איך יעצט, וויא עס ווארפט אין איהם שטיינער—
ניט נור זיין בלוטיגער פיינד!—
אה, ניין! עס ווארפט נור שמוץ אין איהם איינער,
וואס נעננט זיך מענשענפריינד!...

8.

וואס דענקט, אז מען קען מיט חן׳דעלאך זיססע,
אונד מיט אן אראבגענומענער הוט,
פועל׳ן ביי מערדער, מען זאל נישט פערגיסען
אונשולדיגעס, מענשליכעס בלוט!

9.

וואס דענקט, אז מען דארף ניט קיין בלוט אונד קרבנות,
נור א זיססען קאמפלימענט,
פיר הענקער וואס האבען קיין פונק פון רחמנות,
וועט מאכען פון קנעכטשאפט איין ענד!...

10.

אונד דיעזער... ווארפט שטיינער אונד ציניש בעליידיגט,
יעדען קעמפפער אונד עהרליכען מאן,
וואס דענקט ניט וויא ער און מיט זיין בלוט פערטהיידיגט,
זיין פאלק געגען יעדען טיראן!

11.

מענשען, וואס לאכען אין זייער הערצען,
פון גאלגען, פון שרעקליכען טוידט,
אום נור צו רעטטען דאס פאלק פון שמערצען,
פון פינסטערניש אונד נויטה.

12.

אונד אין דיעזע מענשען ווארפט ער מיט שטיינער,
דער דייטשער מענשענפריינד...
אונד בעשימפפט אויך דיא יונגע, הייליגע ביינער,
וואס רוהען אין טשיקאגא היינט!

13.

אונד מען כאפט שוין אונטער זיין געשריי:
„ניעדער מיט אנארכיסטען״!
ווייל זייער עהרע פערקויפען זיי
צו דיא קאפיטאליסטען!...

14.

אה, דומע פערלוימדונג! ווארפט נור א בליק,
אויף דיא טשיקאגא׳ער מארטירער!
אונד נעהמט אייער שענדליכען שמוטץ צוריק,
ווען איהר זייט ניט קיין פאלקס־פערפיהרער!

* * *

אה, וויא פינסטער איז אונזער נאכט!
איין ברודער דערקענט ניט דעם צווייטען,
אונד טרעט מיט דיא פיס איהם, אונד שפאט, אונד לאכט,
פון זיין ברודער'ס וואונדען אונד קייטען.

דאך זעה איך שוין קומען דיא פרייע זאננע,
זיא וועט בעלייכטען מיט גאלדענע שטראהלען,
יעדען קעמפפער, וואס איז מיט זיין שווערד אונד פאהן,
אין קאמפף פיר פרייהייט געפאלען.

אונד עס וועלען קומען אויפ'ן הייליגען ארט,
אללע מענשען—ברידער—נישט...'יסטען,
אונד וועלען קניען מיט טרעהרען דארט.
ביי דיא קברים פון אנארכיסטען!

מיין לעצטע האפפנונג.

אין שטורם, אין קאמפף, איז מיין יוגענד פערשוואונדען,
פון ליעבע, פון גליק האב איך ניעמאלס געוואוסט,
נור בלוטיגע טרעהרען און בלוטיגע וואונדען,
האבען געקאכט און געברענט אין מיין ברוסט.

*

פריה האב איך מיין הויז און מיין היימאט פערלארען,
פון קינדהייט האט מיך שוין דער שיקזאל פערפאלגט,
פערגיפטעט האט ער מיינע בליהענדע יאהרען,
און איממער געמאטערט, געקוועלט און געיאגט.

*

פריה זיינען געשטארבען מיינע האפפנונגען זיסע,
פריה האב איך דערזעהן דעםווילדען קאנטראסט—
דאס ארבייטער פאלק אין א פינסטערע תפיסה,
און שווינדלער, בעטריגער אין א רייכען פאלאסט.

*

א געוואלדיגער שטורם האט מיין זעעלע ערציטערט,
און איך האב געשווארען ראכע און טוידט,
צו אללעס, וואס האט אונזער לעבען פערביטערט,
געמארדעט, בערויבט אונזער פרייהייט און ברויט.

*

פיר אללעס, וואס דעם מענשען איז הייליג און טהייער,
האב איך גערופען צום קאמפף מיט געוויין,
און מיין הערץ האט געפלאקערט א הייליגער פייער,
מיין לעבען, מיין גאטט וואר דיא מענשהייט אליין!

*

עס האבען געלאכט דיא אונוויסענדע שקלאפען:—
„משוגע׳נער דיכטער, הער אויף דיין געשריי,
„וואס ווילסטו מיט פרייהייט, מיט קאמפפען, מיט וואפפען?
„דיא רייכע זינד מעכטיג און דיא וועלט איז פיר זיי!״

*

עלענד בין איך אין דעם שטורם געשטאנען,
מיין עלענדער קאמפף האט געהאט קיין ערפאלג,
עס הערשען וויא איממער דיא ווילדע טיראנען,
עס בלוטעט וויא איממער דאס ארעמע פאלק.

*

אה, שיקזאל, דוא האסט ניט געלאזט מיך ערווערבען,
א פונק פון פרייהייט, פון מענשליכע רעכט,
איך וואר שקלאף אין מיין לעבען, אה, לאז מיך פריי שטערבען
פיר דיא בעפרייאונג פון ליידענדע קנעכט!

*

בערויב ניט ביי מיר מיין האפפנונג זיסע,
מיין לעצטע האפפנונג א מינוט פאר מיין טוידט:—
זעהן וויא דאס פאלק וועט צוברעכען זיין תפיסה,
און וועט זיך בעפרייען פון הונגער אונד נויטה...

מיין טרוים.

איך האב געטרוימט פון ווייסע בלומען,
ווייס, וויא געפאלענער שניי,
זיי זיינען אין מיין צימער געקומען,
איך ווייס ניט וויא אזוי.

זיי האבען מיט זיידענע קוויטען בערידהרט,
שטיל מיין הייסען שטערן,
איך האב אויף מיין קראנקער ברוסט געשפירט
זייערע פערל־טרעהרען.

איך האב געפיהלט, וויא פון יעדען בלום,
גיסט זיך אריין אין מיין הערצען
א וואונדערבארער זיסער פארפיום,
וואס היילט מיינע אללע שמערצען.

אין פענסטער צו מיר האט אריינגעבליקט,
דיא שעהנע, בלאסע לבנה,
איך פרעג זיא: ווער האט מיך בעגליקט
מיט דער גן־עדן מתנה?

זיא קוקט מיך אן מיט דיא זילבערנע שטראהלען,
אונ פליסטערט שטיל צו מיר:
„דיא בלומען זיינען אראבגעפאלען,
פון א הייליגען בוזים צו דיר!"

———

דיא פרייהייטס געטטין איז געפלויגען,
שטיל דורך דער שקלאפען וועלט,
עס האבען בעמערקט איהרע הימלישע אויגען,
דעם ארעמען דיכטער'ס געצעלט.

———

בלאס, אליין, פון דער וועלט פערגעסען,
ווייט פון איהר שמוטץ און שוים,
איז ער מיט זיין פעדער אין האנד געזעסען,
פערטיעפט אין א פרייהייטס טרוים.—

———

מיט טרעהרען האט דיא געטטין געבליקט,
אויף איהר בלאסען זינגער,
און האט פון איהר בוזים דיא בלומען
גענומען מיט ציטערענדע פינגער.

———

„ער טרוימט פון מיר, ער בייגקט נאך מיר,—
„געהט צו איהם, שניי־ווייסע בלומען!
זאגט, אז איך שטעה ביי דער מענשהייטס טהיר,
וויל גיך צו דער מענשהייט קומען!"

„טרייסט זיין הערץ, היילט זיינע וואונדען,
מיט אייערע פערל־טרעהרען“,
און דיא געטטין איז פערשוואונדען,
צווישען דיא גאלדענע שטערן.

———

איך האב זיך אויפגעכאפט, דיא לבנה
שיינט, וויא זילבערנער שוים,
אבער, וואו איז דיא בלומען מתנה?
דאס וואר נור א טרוים, נור א טרוים!..

———

דער זיסער טרוים איז אוועק געשוואומען,
דאך וויים איך ניט, ווארום
איך קען ניט פערגעסען דיא שניי ווייסע בלומען,
און זוך זיי אימּמער ארום.

דער יתום.

בלויע אויגען, גאלדענע לאקקען,
    וויים וויא א ליליען בלום,
אין א ארעמע העמדעל אהן שיך, אהן זאקען,
    זיצט ער אין מיין רום.

*

אן ארעמער יתום! קיין פאטער און מוטער,
    פרעמדע גיבען איהם ברויט,
ער ווייסט, דאס איך בין צו קינדער א גוטער,
    און קומט צו מיר מיט פרייד!

*

ער איז פול שעהנהייט און פאעזיע,
    נור פרעמד איז איהם קינדערלוסט,
טרויעריג זיצט ער ביי מיר אויף דיא קניע,
    טולעט זיך צו מיין ברוסט!

*

איך הער, וויא זיין הערצעלע קלאפט וויא ערשראקען,
    אין לעבענס שטורם־ווינד,
איך בענעטץ מיט טרעהרען דיא שעהנע לאקקען,
    פון אונגליקליכען קינד!

*

שעהנעם קינד! ווען מען וואלט דיך ערצויגען
צווישען מענשענפריינד!
דוא וואלסט, וויא א העלער רעגענבויגען,
מיט לעבענספארבען געשיינט!

*

ווען דיא נויטה מיט איהר אייזערנער האנד,
זאל דיך ניט ווארגען, ניט שטיקען,
דוא וואלסט א מאל מיט גייסט און טאלאנט,
דיא מענשליכע הערצער ערקוויקען!

*

נור עלענד ביזט דוא, ארעמעס קינד!
דוא האסט קיין פריינד, קיין היים,
וויא א צווייגעלע, וואס דער בייזער ווינד
רייסט אראב פון א בוים.

*

און טראגט ארום צווישען זאמד און שטיינער...
קינד! ווער פיהלט דיינע שמערץ?
דיך קושט ניט קיינער, דיך דריקט ניט קיינער
צו א ווארעמע מוטער הערץ!

*

אין דער קאלטער וועלט ווער וועט פון דיר דענקען!
צו ביזי איז דער רייכער הערד!
און דער ארעמער שקלאף קען דיר נור שענקען,
וויא איך א ווארעמע טרעהר!

וואוהין וועסט דוא געהן? וואס וועט פון דיר ווערען?
עלענד וויא א שטיין!
אין טיעפען ים פון שמערצען און טרעהרען,
וועט דיא אייפעלע אונטערגעהן.

*

בלויע אויגען, גאלדענע לאקקען,
א וואונדערשעהנעס קינד,
אונשולדיג, טרויעריג, בלאס און ערשראקקען,
שטעהט עס אין שטורם-ווינד.

אויפרוף צו דער „ווארהייט".

הייליגע ווארהייט, איך בעגרים פון מיין הערצען,
דיין קומען אויף אונזער וועלט,
וואו דאס פאלק איז פערזונקען אין עוויגע שמערצען,
וואו עס הערשט נור פאלשקייט און געלד.

*

קום, בעלייכט מיט דיינע הימעלשע שטראהלען,
דיא שרעקליכע פינסטערע נאכט,
וואו טויזענדער מענשען אונשולדיגע פאלען,
אין קאמפף מיט דער טיראנישער נאכט.

*

קום, ערקלעהר אונז מיט ליעבע אונד קלארהייט,
וויא שענדליך עס איז שקלאפעריי,
אונד נור דורך דעם קאמפף פיר ליעבע אונד ווארהייט,
קען דאס פאלק ווערען גליקליך אונד פריי.

*

בעגייסטער, פעראייניג דיינע ארעמע ברידער!
הייב אויף דעם געפאלענעם קנעכט,
צובריך זיינע קייטען, בעפריי זיינע גלידער,
אונד גיעב איהם דאס מענשליכע רעכט!...

מיין צוואה.

גewidmet —

געווידמעט צו H. S.

אה, גוטע פריינד! ווען איך וועל שטארבען,
טראגט צו מיין קבר אונזער פאהן—
דיא פרייע פאהן מיט רויטע פארבען,
בעשפריצט מיט בלוט פון ארבייטסמאן!

*

און דארט אונטער דעם באננער רויטען,
זינגט מיר מיין ליעד, מיין פרייעס ליעד!
מיין ליעד „אין קאמפף", וואס קלינגט וויא קייטען—
פון דעם פערשקלאפטען קריסט און איד.

*

אויך אין מיין קבר וועל איך הערען,
מיין פרייעס ליעד, מיין שטורם־ליעד,
אויך דארט וועל איך פערגיסען טרעהרען,
פאר דעם פערשקלאפטען קריסט און איד!

*

און ווען איך הער דיא שווערדען קלינגען,
אין לעצטען קאמפף פון בלוט און שמערץ—
צום פאלק וועל איך פון קבר זינגען,
און וועל בעגייסטערען זיין הערץ!

דער וועקער.

הערט נור צו, וואס איך וועל זאגען:
ווען איהר ווילט קיין קייטען טראגען—
קומט אין אונזער פאלק,
וואס מיר ווילען, ניט פיעל ברייען,
איז פון שקלאפען־יאך בעפרייען,
דאס אונטערדריקטע פאלק.

*

קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פרייע הערצער, פרייע שוועסטער,
קומט אין פרייען שלאכט,
קעמפפען וועלען מיר ביז וואנען,
עס וועלען פאלען דיא טיראנען—
פערשווינדען ווירד דיא נאכט.

*

זעהט נור, וויא פיעל קעמפפער פאלען,
פיר דיא פרייהייטס אידעאלען,
אין קאמפף מיט טיראניי!
זאלען מיר דען רוהיג שווייגען,
רוהיג זיצען אין דיא שטייגען—
דולדען שקלאפעריי?!

*

הערט וויא אונז דער פיינד בּעליידיגט,
גאטעס פורכט און קנעכטשאפט פערדיגט,
פיר דעם ארבּייטס מאן...
שוין גענוג אין קייטען שלאפען,
בּרעכט דיא קערקערס טהיערען אפען,
טוידט צו דעם טיראן!

*

ניעמאלס וועט איהר נויטה פערמיידען,
אימּמער שאנד און שמערצען ליידען,
זאלאנג וויא איהר זייט קנעכט,
בּרידער, העלפט איינער דעם צווייטען,
בּרעכט דיא קייטען אן דיא קייטען,
קעמפּפט פיר מענשענרעכט!

*

וויא לאנג וועלען נאך רעגיערען,
ווילדע הענקער און וואמפּירען?—
ליידענדע ערוואכט!
קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פרייע הערצער, פרייע שוועסטער,
קומט אין פרייען שלאכט!

———

אויפרוף

אן דיא „פרייע ארבייטער שטיממע".

פרייע ארבייטער שטיממע!
אויף דיין הייליגען לעבענס שוועל,
בעגריסט דיך מיט ליעדער און טרעהרען,
דיין אלטער פריינד פאסקארעל!

*

פיר דאס הערצענס טיעפע געפיהלען,
איז צו ארעם אונזער שפראך,
רייכער זיינען אונזערע טרעהרען,
מיט זיי קען מען זאגען א סך!

*

און מיט הייליגע ארבייטער טרעהרען,
וואס פאלען יעצט זעהר א סך,
שרייב איך אויף, אויף דיין רויטע פאהנע,
„קעמפף פיר דיא הייליגע זאך!"

*

ווילד רוישען דיא קאלטע וועללען,
פון דעם גרויסען לעבענס ים,
דיא ארעמע עלענדע שיפפער,
זיי לעבען, זיי אטהעמען קוים!

*

דער ווינד האט צוריסען דיא זעגעל,
צובראכען דעם קליינעם קאמפאס...
עס איז זיי אין שטורם געבליעבען,
נור הונגער, פערצווייפלונג און האס.

*

וואוהין עס טראגט זיי דער שטורם,
פון דעם האבען זיי קיין בעגריעף,
זיי שרייען, זיי גיעבען סיגנאלען —
דאך מען זעהט ניט קיין רעטטונגס שיף.

*

פרייע ארבייטער שטיממע!
דיין הייליגע פפליכט איז אצינד,
העלפען בעפרייען דיא ברידער,
פון שרעקליכען שטורמווינד!

*

צייג זיי דיין רויטע פאהנע,
אלס א הייליגען רעטטונגס סיגנאל,
בעלייכט זיי דעם וועג מיט דיין פאקעל, —
מיט דעם ווארהייט בליצענדען שטראהל.

*

דורך שטורם, דורך רוישענדע וועללען,
דורך שטיינער וואס ליעגען אין וועג,
העלף דער פאלקס־שיף ערדייכען,
דער פרייהייטס הייליגען ברעג!

*

העלף פערניכטען דיא ברואים,
וואס ווילען דערטרינקען דיא שיף —
וואס ווילען זייערע ברידער
בעגראבען אין פינסטערנים טיעף!

*

קעמפף ניט מיט שוואכע פליעגען,
ווען דער טיגער שטעהט ביי דער טהיר,
ווען טויזענדטע עלענדע ברידער,
רופען נאך הילפע צו דיר!

*

שווער ביי דיא היילינע וואונדען,
פון דיא קעמפפער פיר מענשענרעכט,
אז דיין הערץ, דיין גייסט, דיין לעבען,
געהערט צו דיא ליידענדע קנעכט!

*

שווער, אז דוא מוזט זיי העלפען,
אין זייער ביטערע נויטה! —
שווער, אז דוא מוזט פערניכטען,
יעדע שענדליכע שקלאפען קייט!

*

שווער ביי דער פרייהייט פאהנע —
רויט פון מארטירער בלוט —
אז קיין שטורם, קיין פיינד, קיין פערצווייפלונג,
וועט ניט צובּרעכען דיין מוטה!

*

אז נור דער טוידט אדער פרייהייט,

וועט צושיידען דיך מיט דעם שווערד!

ערקלינג, פרייע ארבייטער שטיממע,

איבער דער גאנצער ליידענדער ערד!

*

וועק דיא פערשקלאפטע מענשהייט,

צו דער לעצטער רעוואלוציאן!

מיט אייזערנע מוטה, מיט בעגייסטערונג—

דיין הייליגע ארבייט פאנג אן!

דיכטער און מוזע.

דיכטער:

גוט מארגען, מיין מוזע, מיין הימעלשע שיינהייט!
דוא קוקסט עפּעס היינט וויא אין כעס.—
האבען שוין ווידער דעם פאלקס אונטערדריקער
ערוועקט אין דיר צארן און האס?

*

איך זעה אז דיין שעהנעס געזיכט איז פערוואלקענט,
דיא הימלישע אויגען זינד פייכט —
זאג מיר, וואס איז דען געשעהען, מיין ענגעל?
זאג מיר, איך טרייסט דיך פיליכט!

מוזע:

—„איך קום יעצט פון טעמפעל, פון הייליגען טעמפעל
דער קונסט און ליטעראטור,
פון דארט, וואו א מאל האט ליעבע און שיינהייט
גערוהט אויפ'ן שויס דער נאטור.

*

וואו עס האבען געקלונגען הימלישע ליעדער
פון ליעבע פרייהייט און גליק,
עס פלעגט דיא מענשליכע הערצער ערקוויקען
דיא הערליכע זיסע מוזיק!

*

דאך, מענשען, וואס האט איהר געמאכט פון דעם טעמפעל?
א מארק, א שמוציגען מארק!
און איהר פערקויפט אייער גייסט, אייער עהרע,
און טרייבט דיא ווארהייט אין זארג.

*

דאס וואס היינט ווערט געלויבט און פערגעטערט,
ווערט מארגען מיט בלאטע בעדעקט,
און איבערמארגען שוין ווידער פערצוקערט,
גע'חנפ'עט, געשמייכעלט, געלעקט?...

*

און דיא וואס נענען זיך דענקער און קינסטלער,
פיר דעם שמוציגען גראשען, נישט מעהר —
ברעכען זיך, קרימען זיך דארט פיר'ן עולם,
שפרינגען אהין און אהער.

*

דיא ריינסטע געפיהלען, דיא הייליגסטע פערל
פון מענשליכען הערץ און פערשטאנד—
ווערען געטראטען פון שמוציגע ברואים,
פון דומהייט, געמיינהייט און שאנד!

*

און דאס איז דער טעמפעל, דער הייליגער טעמפעל
פון קונסט און ליטעראטור?
וואו זייט איהר, איהר וואהרע דענקער און קינסטלער,
איהר ליעבלינגע דער נאטור?

*

וואס לאזט איהר פערשמוצען דיא גאלדענע פאהנע
פון קונסט און פאעזיע?
וואס לאזט איהר אריין אין הייליגען טעמפעל,
פערפעסטעטע, שמוציגע פיה?

*

וואס פערטרייבט איהר זיי ניט מיט אייזערנע ריטער,
פון קלארען פערנונפט און קריטיק?
וואס לאזט איהר זיי דיא מאסע פערדארבען,
מיט זייערע הינטישע שטיק?

*

פערטרייבט דיעזע העסליכע, שמוציגע ברואים,
אונ מיט אייער זיסען טרומפעט,
רופט צוזאמען דיא ארבייטער פריינדע,
פון קונסט און הומאניטעט!

*

בויעט אוים א טעמפעל, א הייליגען טעמפעל,
פון פרייהייט און זיטליכקייט —
בעגייסטערט דאס פאלק, ערוועקט אין זיין זעעלע,
ווארהייט און ברידערליכקייט!

*

און ווען עס קומט א ביטערע שטונדע,
און דיא נויטה איהרע צייהנער בעווייזט —
דאן עהרליכער דענקער! פערקויף דיינע מוסקעלן,
נור פערקויף ניט דיין הערץ און דיין גייסט!

*

פערקויף ניט דיין פעדער—אין איהר איז דיין זעעלע,
דיין הייליגער לעבענס געצעלט,—
דיין קערפער וועט שטערבען, דיין פעדער וועט לעבען,
און שפרעכען פון דיר צו דער וועלט!

*

פערקויף ניט דיין פעדער! אין קעלט און אין הונגער
פעראכטעט, פערליימדעט, פערפאלגט—
בלייב טריי דיין געווויסען, אויפ'ן שוועל פון דיין קבר,
זינג צו דיין ליידענדען פאלק!

פארווערטס!

צו דער ארבייט! פארווערטס, ברידער,
אללע, אללע קומט מיט מוטה!
פרייע ארבייט שטארקט דיא גליעדער—
און זיא רייניגט אונזער בלוט.

*

פוילט זיך ניט! א שאנדע—כלעב'ן—
שלאפען אין א צייט פון קריעג!
ווילט איהר וויסען, וואס הייסט לעבען—
קעמפפט פיר אלגעמיינע גליק!

*

פארווערטס, שטופט דיא פרייהייטס רעדער!
מיט'ן שווערד און מיט'ן פען—
לאז זיין ארבייט טהאן א יעדער—
וויא ער קען און וואס ער קען.

*

לעהרענט זעלבסט און אויך דעם צווייטען—
צייגט דעם וויסענס רייגעם קוואל!
און צוגלידהט דיא שקלאפען קייטען,
מיט דער ווארהייט'ס הייסען שטראהל!

*

וואַרפט אַריין אין אַללע קלאַסען,
פונקען פון דעם פרייעם גייסט!
לעהרנט דיינקען, קעמפפען, האַסען,—
דאָס איהר מענשען זינד בעוויזט!

*

און ניט ציטערט פיר דיא הענקער!
שטערבען וויא אַ פרייער מאַן—
איז דאָך ליעבער פיר'ן דענקער,
וויא זיך צו בוקען צום טיראַן.

*

נאָך דיא שטורמען, פרעסט און שנייהען,
קומען וועט דער שעהנער מאַי,
וואָס מיר וועלען יעצט פערזייהען,—
וועט דאַן בליהען פראַנק און פריי!

*

און אַ יעדער וועט געניסען,
פון דעם ריינעם פרייהייטסבוים,
זיסע פריכטע, וואָס פערזיסען
יעדעם הערץ און יעדען היים!

*

פאָרוועררטס! שטופט דיא פרייהייטס רעדער!
אַרבייט, ערנסט פול מיט גייסט!—
מיט'ן שווערד און מיט'ן פעדער,—
דאָס איהר מענשען זינד, בעווייזט!

צו דיא ארבייטער פרויען.

גערוידמעט „דער ארבייטער פרויען ארגאניזאציאן“.

ארבייטער פרויען, ליידענדע פרויען!
פרויען, וואס שמאכטען אין הויז אין פאבריק
וואס שטעהט איהר פון ווייטען? וואס העלפט איהר ניט בויען
דעם טעמפעל פון פרייהייט, פון מענשליכען גליק?

העלפט אונז טראגען דעם באנער דעם רויטען,
פארווערטס, דורך שטורם, דורך פינסטערע נעכט!
העלפט אונז ווארהייט און ליכט צו פערברייטען,
צווישען אונוויסענדע, עלענדע קנעכט!

העלפט אונז דיא וועלט פון איהר שמוץ ערהייבען!
אללעס אפפערען, וואס אונז איז ליעב:
קעמפפען צוזאמען, וויא מעכטיגע לייבען
פיר פרייהייט, פיר גלייכהייט, פיר אונזער פרינציפ!

ניט איין מאל האבען שוין נאבעלע פרויען,
געמאכט ציטערען הענקער און טראהן,
זיי האבען געציינט, אז מען קען זיי פערטרויען,
אין ביטערסטען שטורם דיא היילגע פאהן.

דערמאנט זיך אן אייערע רוססישע שוועסטער,
ערמארדעט פיר פרייהייט פון צאר דעם וואמפיר,
פערמאטערט ביז טוידט אין דיא שטיינערנע נעסטער,
פערגראבען אין שניי אין דעם וויסטען סיביר.

געדענקט איהר דיא נעמען, דיא הייליגע נעמען:
פעראווסקאיא, העלפמאן, גינזבורג און נאך
טויזענדע, וואס פלעגען זיך שעמען
צו טראגען געהארזאם דעם שקלאפעניאך?

זיי זיינען אין שטורם זא העלדיש געשטאנען,
געטראגען אין פינסטערנים האפפנונג און ליכט!
ראכע גענומען פון ווילדע טיראנען,
שטאלץ געקוקט דעם טוידט אין געזיכט!

געדענקט איהר זיי? דאן זאל זייער לעבען
בעגייסטערען אייך! איהר זאלט מיט ערפאלג
לעהרנען און דענקען, קעמפפען אונד שטרעבען
צו פרייהייט און גליק פיר דאס ארבייטער פאלק!

אויף א באלל.

וואס שטעהסט דוא, בלאסער טרוימער!
גערזונקען דעם קאפּ אויפ'ן ברוסט?
זעה דיינע שוועסטער און ברידער
זינגען און טאנצען מיט לוסט!

*

זעה, וויא עס טראגען זיך פּאארלאך,
בעפליגעלט פון זיסע מוזיק,—
בעקעלאך גליהען, און אויגען
בליצען מיט יוגענד און גליק.

*

נור דוא ביזט בלאס און פארטרויערט,
נור דוא ביזט וויא איממער אליין!
אליין, וויא א שטורם וואלקען,
אליין, וויא א פעלזען שטיין!

*

דוא שטעהסט און דענקסט, אז מארגען
וועט דיא העסליכע טיראנייע
ווידער דריקען און ווארגען
דיא קינדער פון שקלאפעריי!

*

און דיא שעהנע אויגען, וואס בליצען
יעצט, מיט ליעבע און מוטה,
וועלען זיין פייכט מיט טרעהרען
אונטער דעם אויסבייטערס רוטה!

*

און דיא בעקעלאך, וואס גליהען
יעצט, וויא א ראזע שעהן,
וועלען פון שמערצען ווערען
בלאס וויא א מארמאר־שטיין!

*

און דער שעהנער מונד, וואס זינגט יעצט
דאס ליעד פון פרייהייט און גליק,
וועט מארגען דאס לעבען פלוכען —
אין דער פינסטערער פאבריק!

*

זא דענקט דער בלאסער טרוימער...
ער דענקט און שטעהט אליין,—
אליין, וויא א שטורם־וואלקען,
אליין, וויא א פעלזען־שטיין.

זינגט מיט לוסט!

איך זאל האבען הונדערט קעפּ,
וואלט איך אללע אבגעגעבען
פיר מיין גרויסען אידעאל,
ווייל אהן איהם וואס איז דער לעבען?

*

הייסט דאס לעבען? איממער זעהן,
וויא עס וועלקען ארום דיר
יונגע בלומען און עס פליעסען
הייסע טרעהרען אהן א שיעור?

*

הייסט דאס לעבען? פיר א שווינדלער
שווייגענד אנבייגען דעם קאפּף,—
קלייבען ברעקלאך, וואס ערווארפט דיר,
וויא א הונד פון טיש אראפּ?

*

גוט איז דעם, וואס קען ניט לעזען,
אויף דיא מענשליכע געזיכטער.—
גוט איז דעם, וואס איז קיין דענקער —
גוט איז דעם, וואס איז קיין דיכטער —

גוט איז דעם, וואס האט אין הערצען
אללעם מענשליכעם פארלאשען,
מעג דיא וועלט אין טרעהרען שווימען,
ער וועט צעהלען זיינע גראשען...

*

אבער דער, וואס ווייס צו לעזען
ניט נור ביכער און ראמאנען,
דער וואס קען אויך לעזען הערצער,
וואס פארבלוטען פון טיראנען. —

*

אויף דיא מארמאר ווייסע וואנגען,
אין דיא אויגען וואס זינד פייכט—
קענט איהר אונזער וועלט ערלעהרנען,
בעסער וויא פון בוך פיללייכט. —

*

קוקט זיך צו, צו דיא געזיכטער,
צו דיא טרויעריגע, בלאסע,
פון דיא היימלאזע בערויבטע
קינדער דער פערשקלאפטער מאסע!

*

וואס פיר שמערצען! וואס פירליידען!
זיי צורייסען מיר מיין ברוסט!
און איך קוק מיט ווילדען צארן,
ווען מען זאגט מיר: „זינגט מיט לוסט!"

*

„זינגט מיט לוסט?״ אה, דומע שקלאפען!
רופט דיא טענצער! דיא פּאיאצען!
און זיי וועלען אמוזירען
אייך מיט פויקען און מיט טאצען!

*

אבער ווייסט, אז אויך פּאיאצען
לאכען יעצט דורך הייסע טרעהרען,
און דער הונגעריגער טענצער
טאנצט מיט פלוך פיר זאטע הערדען.

*

פרייד איז יעצט ניטא ביי קיינעם,
יעדען איינעם איז יעצט שלעכט,
פון דיא גלענצענדע באנקירער,
ביז דיא אונטערדריקטע קנעכט.—

*

ווייל דער רייכער ווייס זיין ענדע:
דאס פון בערויבטען פאלק,
פון פארבלוטיגטע געשפענסטער,
ווערט ער טאג און נאכט פערפאלגט.

*

און דיא ארעמע—זיי ליידען,
ווייל זיי האבען קיין פערשטאנד,
אום צו רייכען זיך וויא ברידער,
אין דעם פרייהייטס קאמפף דיא האנד. —

*

זאגט, וואס איז א דוצענד שווינדלער
געגען זא פיעל ארבייטס לייט?
נור א ביסעל מוטה און אחדות,
און מיר וועלען זיין בעפרייט!

*

דאך געגוג... עס איז זא קלעגליך
רופט דיא טענצער, דיא פאיאצען!
און זיי וועלען פיר אייך שפרינגען
מיט דיא פויקען, מיט דיא טאצען!

*

אבער ווייסט, אז אויך פאיאצען
לאבען יעצט דורך הייסע טרעהרען,
און דער הונגעריגער טענצער
טאנצט מיט פלוך פיר דיא זאטע העררען.—

סאפיא פעראווסקאיא.

(געווידמעט מיין שוועסטער שרה עדעלשטאדט.)

דאס וואר א פרוי! זעלטען זיינען פרויען
זא בראוו, זא נאבעל, זא גייסטיג וואונדערשעהן,
זיא וואר בערופען דעם פרייהייטס־טעמפעל בויען
און מיט איהר בלוט האט זיא געפארבט זיין שטיין.

*

דאס וואר א פרוי! דרייסטער פון א מאן
האט זיא געקעמפפט פיר פרייהייט און רעכט!
זיא האט געהאמערט דעם זארג פיר'ן טיראן
און האט געריסען די קייטען פון דיא קנעכט!

*

איהר פאטער האט זיין שעהנעם קינד ערצויגען
צווישען רייכטהום, בלומען און מוזיק;
איהר יוגענד, וויא א העלער רעגענבויגען,
האט געשיינט מיט ליעבע און מיט גליק.

*

עס פלעגען שטונדען, וויא זיסע שטראמען, פליסען
אין פרייד, אויף בעלער, ביז א נייער טאג
האט זיא ערוועקט פון איהר חלום זיסען,
וויא דער קלאנג פון א שטורם־גלאק!

*

זיא האט זיך אויפגעכאפט, און מיט ווילדען צארען
אראפגעריסען פון קאפ איהר בלומענקרוין;
פרייהייט האט זיא דעם ארעמען פאלק געשווארען —
קעמפפען, לעבען, נור פיר איהם אליין!

*

זיא האט פערלאזען דיא וועלט פון רייכע גראפען,
אין פראסטע לאפטשעס און א סאראפאן
איז זיא אוועק צו אונטערדריקטע שקלאפען,
פרעדיגען האס צו דעם טיראן.

*

זיא איז אוועק צו דיא, וואס זעען, שניידען
פיר אונז דאס ברויט מיט זייער שוויס און בלוט,
און אליין נור קעלט און הונגער ליידען
און שטעהן פיר דעם רויבער אהן א הוט.

*

צו זיי האט זיא געבראכט דיא פרייהייטס־לעהרע
און האט מיט טרערען דערלאנגט דעם פאלק איהר האנד,
זיא האט אין איהם געוועקט זיין מענשענעהרע
גערופען איהם צום קאמפף, צום ווידערשטאנד!

*

אוועק זינד יאהרען, און זיא האט פערשטאנען
אז דאס ווארט איז שוואך, עס האט קיין ווערטה
אין דעם קאמפף מיט הערצלאזע טיראנען!
און זיא נעהמט אין האנד דיא פרייהייטס־שווערד!

*

זיא קעמפפט און גראבט א טיעפען שווארצען קבר
פיר דעם טיראן אין גאלדענעם פאלאסט. —
ווער האט, וויא זיא, די טיראניי געהאסט
מיט יעדען טראפפען בלוט, מיט יעדען אבר?

. . . .

*

אם ענדע איז דער ראכע־טאג געקומען,
פעראווסקאיא הויבט אויף איהר ווייסע טוך...
א באמבע דונערט... און אין בלוט פערשוואומען
שטירצט דער טיראן, פאלט מיט א ווילדען פלוך!

*

. . . .

זיא וואר דערווארגען פון געקרוינטען הענקער —
דאך איהר גייסט לעבט און ווירקט נאך יעצט,
פון הערצער עדלע און פון פרייע דענקער
געליעבט, געאכטעט, בעוואונדערט און געשעצט.

*

זיא שוועבט פאר מיר, דיא געטין וואונדערשעהנע!
בעצויבערענד, ענטשלאסען, מילד און דרייסט,
און זיא ערפיהלט מיין הערץ מיט פערל ריינע
און בעפליגעלט מיין פערשקלאפטען גייסט!

*

איך הער איהר שטימע: „עס שרעקט מיך ניט דער היינגען,
ליעבע מוטער! מיט מיין טוידט אצינד
וועל איך מעהר דער פרייהייט נוטצען ברייננגען,
וויא מיט מיין לעבען. פארגיב דיין ארעמעס קינד!"

*

אה, זיסע ווערטער! אה, הייליגעס געזיכט!
לאז יעדער מענש דיך אין זיין הערץ פערשליעסען
און, וויא א פריהלינגס־זונן, וועסט דו זיין וועג בעגיעסען
מיט בלומענדופט און וואונדערבארעס ליכט!

לואיזע מישעל.

צוווארפען דיא גלענצענדע לאקען
מיט מעכטיגען שווערד אין דער האנד,
האט זיא געקעמפפט אונערשראקען
געגען דער שקלאפענשאנד!

*

מיט א מוטה, א וואונדערבארען,
האט זיא געבויט באריקאדען
און האט דיא ביקסען געלאדען
פיר דיא קעמפפענדע קאמונארען.

*

צווישען דאנערנע קאנאנען
און פייער פון פולווער און בליי,
האט זיא געשטורמט דיא טראהנען
פון דער הערשענדער טיראניי!

*

פון דער בלוטיגער שלאכטפעלד־טריבונע
מיט דעם שטאלצען פאלק פון פאריז,
האט זיא פראקלאמירט דיא קאמונע,
דעם פרייהייטס פאראדיז!

*

דאָך ניט לאַנג האָבען רויטע פאָהנען
געפלאַטערט אין פרייעם פּאַריז;
דער פיינד איז מיט מאָרד קאַנאָנען
בעפאַלען דעם טרוימענדען ריעז!

*

עס פאַלט די קאָמונע... זי בלוטיגט;
דאָך ווייט איז דער פיינד פון ערפאָלג;
דער פרייהייטס-גייסט האָט זיך מוטהיג
ערהויבען צום ליידענדען פאָלק.

*

און טויזענדע בראַווע קאַמעראַדען,
וואָס וואַרען אין קאַמפף געשטירצט,
וואָס האָבען די באַריקאַדען
מיט הייליגע בלוט בעשפּריצט.

*

לעבען נאָך יעצט — און „נאָך ראַכע!"
רופט זייער שטימע מיט מאַכט;
זי רופט פיר דער הייליגער זאַכע
צום לעצטען בלוטיגען שלאַכט!

*

לוּאיזע מישעל איז געבליעבען
צו קעמפפען פיר פרייהייט און רעכט,
צו האַסען טיראַנען, און ליעבען
די עלענדע ליידענדע קנעכט. —

*

זיא פרעדיגט אונערשראקען:
„פרייהייט, גלייכהייט און ליכט"
און ציהט דיא אלארם גלאקען,
און וועקט אונז צו טאהן אונזער פפליכט!

*

פון דער הייליגער פאלקס־טריבונע,
פון ווילדע טיראנען פערפאלגט,
שרייט זיא: עס לעבע דיא קאמונע!
עס לעבע דאס ארבייטער פאלק!

דער לעצטער סטרייק.

ווייא לאנג, א ווייא לאנג וועט איהר, ברידער, נאך סטרייקען
פיר דאס שטיקעלע שקלאפענברויט?
ווייא לאנג וועט איהר שמאכטען, ווייא לאנג וועט איהר בלוטען
אין פינסטערניש, הונגער און נויטה?

*

ווייא לאנג וועט איהר שטיין מיט א נאקעטען רוקען
אונטערן בייטש פון'ם טיראן,
און שווימען פון וויגעלע ביז צו דעם קבר
דורך א בלוטיגען אקעאן?

*

זאג מיר, דו מעכטיגע, רייכטהימער־שאפענדע,
אייזערנע ארבייטער קראפט:
וואס האלט דיך געבונדען? וואס צווינגט דיך פערבלייבען
ביי עטליכע רויבער פערשקלאפט?

*

וואס דארפסטו שמאכטען אין טענעמענט־הייזער,
וואו אויף דיר קוקענדיג ווייגען דיא ווענט?
דער גאלדערנער שליסעל פון פרייהייט'ס גן עדן
ליעגט דאך ביי דיר אין דיא הענד?

*

וואך אויף! און טרייסעל אראפ פון דיא שולטער
דעם טויזענד־יאהריגען שטויב!
מיט איין קרעפטיגען שטויס, צווואלגער, צושמעטער
דיין תפיסה, דוא ארבייטער־לייב!

*

רוף צונויף דיינע שוועסטער און ברידער,
און אונטער דער רויטער פאהן
וועלען מיר אללע א סטרייק ערקלעהרען
דיא אויסבייטער, געלדזעק און טראהן!

*

מיר וועלען סטרייקען פיר פרייע ארבייט,
וואס ווייסט ניט פון הערר און קנעכט!
מיר וועלען סטרייקען פיר פרייהייט און גלייכהייט,
פיר דאס הייליגע מענשענרעכט!

*

מיר וועלען סטרייקען פיר א פרייע וועלט
אהן בלוטהינד, אהן מארד־אינסטרומענטען,
וואו פרייע ליעבע און דער פרייער פערשטאנד
וועלען זיין דיא פרעזידענטען!

*

וואו אלע מענשליכע פערגעניגען
וואס דיא וועלט קען געבען נור,
וועט יעדער פראנק און פריי געניעסען
אויף'ן בוזים דער נאטור!

*

פיר דיעזען גרויסען אלוועלטליכען סטרייק,

פעראייניגט זיך ארבייטער מאסען! —

ווען איהר געווינט שון דאס שקלאפענברויט,

בלייבען הונגעריגע אויף דיא גאסען!

*

און וואס טויג ברויט, ווען דיא הענד זינד אין קייטען,

און דאס הערץ איז פול מיט גאל?

אה ניין, נור פרייהייט קען מענשען רעטען

פון פינסטערען יאמער־טהאל!

*

צו איהר לאמיר שטרעבען! פיר איהר לאמיר קעמפפען

ווייל זיא אליין איז נור ווערט,

אז דער ארבייטסמאן זאל קושען איהר שטערן

און ציהען פיר איהר זיין שווערד!

*

נור לאמיר ברידער, פערשטעהן מיט קלארהייט,

וואס מיר ווילען, און וויא אזוי,

ניט „ברויט אדער ארבייט!״ — טוידט אדער פרייהייט!״

דארף זיין אונזער געשריי

*

פארווערטס, ברידער! צום לעצטען סטרייק

אונטער דער רויטע פאהן!

זיין נאמען מאכט ציטערען אלע טיראנען

ער הייסט רעוואלוציאן!

דער שניידער.

אם זיצט א שניידער אן אלטער
מיט ווייסע גרויע האר,
זיין שער און נאדעל האלט ער
שוין גאנצע פופציג יאהר.

*

ער זיצט אין דרייען געבויגען,
ער ארבייט טאג און נאכט,
מיט טרעהרען אין דיא אויגען,
נייט ער, זיפצט און טראכט...

*

„אוועק זינד מיינע יאהרען
אין פינסטערניש און נויטה,
דיא כוחות און ארבייט פארלארען,
און דאך קיין רוה, קיין ברויט.

*

איך מוז הארעווען, מוז זארגען,
עס פלאצט אין מיר דיא גאל,
וויל עס דארף האבען מארגען
דעם פראק א פראנט צום באלל.

*

דער פראק מוז אויף איהם ליגען,
זא גלאט, קיין קנייטש, קיין פלעק,
זאנסט קען דער שניידער קריעגען,
פון גוטען באס דיא סעק.

*

גלענצען מוז ער וויא א שטערן
אין פראק דער מאדנער העלד—
פון דעם ארעמען שניידער'ס טרעהרען,
וואס וויים פון זיי דיא וועלט?

*

אט געהט דער שניידער ארעם,
צובראכען, שוואך און בלאס,
זיין ארבייט אונטערען ארעם,
זיין געזיכט פון טרעהרען נאס.

*

דער באס וויל ניט בעצאהלען,
דער ראק ליגעט עטוואס שלעכט:
„פון הונגער ווער געשוואלען
און ארבייט ווידער נעכט!"

*

דארט אין א שטוב א קאלטער,
דארט ווארט מען שוין אצינד,
אז ברויט ברייננט באלד דער אלטער
און א פעני פיר דעם קינד.

*

„איך קען מיין האלז ניט שניידען,
דער באס גיט קיין פּיאטאק,
נאך מוזט איהר הונגער ליידען,
א קנייטש איז דא אין פראק!“

*

איהר שמערץ קען דיא פרוי ניט האלטען,
זיא וויינט, ווערט בלאס וויא טוידט,
דיא קינדער קוקען אויף דעם אלטען,
קוקען און בעטען ברויט...

*

אה מענשען רייכע, זאטע,
קוקט אייך צו נאר גוט!
אויף אייערע קליידער גלאטע
ליעגט דעם שניידערס בלוט!

עלענד.

עלענד צו זיין—אה! וואס קען זיין שלימער?
עס ליעגט אויף דיין ברוסט א שטיין.
זעהסט טויזענדע מענשען און דאך פיהלסטו איממער,
אז דוא ביזט אליין... אליין!

דוא זעהסט, ווי דיא וועלט ווערט אין טרעהרען פערטרונקען
וויא דער פרייהייטס גייסט איז פערהאסט:
און עלענד שטעהסטו, דיין קאפף געזונקען,
וויא א ניט געבעטענער גאסט.

דוא האסט ניט פאר קיינעם דיין טרויער ענטדעקען,
אללעם דורשטעט יעצט געלד און בעטרוג,
דוא האסט ניט קיין פריינדליכע האנד, וואס זאל וועקען
דיין מוטה מיט א ווארעמען דרוק.—

דיין שטאלצער גייסט רייסט זיך העכער און העכער,
דאך בייגט זיך אין שטורם דיין גוף,—
און, וויא פון א טורמע א יונגער פערברעכער,
קוקסט דוא מיט טרויער ארוף.—

עלענד געהסט דוא דיין וועג פאראיבער,
דעם וועג פון דערנער און שטיין,
דוא צאפעלסט זיך אין דעם פרייהייטס פיבער,
דוא קעמפפסט און פאלסט אליין!

דער פריהלינג.

דער פריהלינג איז געקומען,
דיא זאננע גלאנצט און לאכט,
פראכטפאל שמעקען דיא בלומען,—
אללעס האט אויפגעוואכט.

דיא נאכטיגאל זינגט, דיא שטערן
בעלייכטען דיא שעהנע נאכט,
אין פריהלינג טרוימט זיך זא גערן—
איך וואנדער ארום אין טראכט.

איך טרוים ניט, וויא גליקליכע דיכטער,
פון וויין און פון ליעבע אין מאי,
אהן וויין זיינען מיר ניכטער,
אהן ליעבע זיינען מיר פריי.

איך טראכט פון דיא שקלאפען־געצעלטען,
וואו אללעס איז פינסטער און שטום,
וואו מען זעהט נור זעלטען
א קראנקע, פערוועלקטע בלום...

וואס ווייס מען דארט פון א פריהלינג,
פון הייליגע לעבענספרייד?
מען שלאגט זיך ארום פיר א שילינג,
מען עסט דארט פערגיפטעטעס ברויט.

געזונקען אין אבערגלויבען
גלויבט מען אין גאט און אין שד,
מען לאזט זיך דריקען און רויבען,
מען שטארבט אויפ'ן שקלאפען־בעט.

קיין גאלדענע פריהלינגס שטראהלען
קומען אהין ניט אריין;
אין פינסטערניש לעבען און פאלען
די קינדער פון קעטען און פיין.

נאכטיגאל, זאנענשיין, בלומען,
הייליגע שעהנע נאטור!
וויא זאל איך בעגריסען דיין קומען,
ווען דוא ביסט פיר דעם רייכען נור?

ווען איך זאל זעהן בליהען
יעדעס מענשליכעס הערץ ארום מיר,
איך וואלט מיט טרעהרען קניען,
הייליגע געטין פיר דיר!

דיינע שטראהלען און פארבען
וואלט איך בעזונגען מיט לוסט;
איך וואלט אויך גליקליך שטארבען
אויף דיין שטאלצע, מילדע ברוסט!

דאך יעצט, ווען טרעהרען פליעסען,
און דער גאט מאמאן
האט מיט זיין שווערד צוריסען
דעם פאלקס הייליגע פאהן.

ווען קייטען, בארבארישע קלינגען
אין דער „פרייער רעפובליק"—
זאג, וויא קען איך זינגען
דאס ליעד פון פרייהייט און גליק?

אונזער אידעאל.

נאך ניט איין מאל וועלען מיר פאלען
אין קאמפף פיר אונזער אידעאל,
פון געגנער ביטערע פערלוימדעט,
פערפאלגט, פעראכטעט איבעראל.

*

ניט איין מאל וועלען „קלוגע ברידער"
פון אונזערע וואונדען מאכען שפאס,
אונזער ברודער־האנד בעגעגענען
מיט שלאנגען־גיפט און ווילדען הא

*

ניט איין מאל וועט דיא דומע מאססע
פון דעמאגאגען אנגערעדט,
מיט שמוטץ פערווארפען אונזער פאהנע
און קרייטציגען אונזער פראפעט.

*

ניט איין מאל וועט מען נאך **בעשאפען**
א שפאנעל־נייע שקלאפען־רוט,
און זאגען אונז: אט דאס איז פרייהייט,
נעהמט שנעל אראב פאר איהר דיא הוט!

*

דאך וועלען מיר געהן מיט אונזערע וועגען,
פון אונזערם טרעטען מיר ניט אפ,
ווען אויך פיר יעדען שריט צו פרייהייט
בעצאהלען מיר מיט אונזער קאפ!

*

מיר ווילען קיין רעפארם־גליקען,
דען געגען אונזער אידעאל
זיינען זיי, וויא יאהר־צייט ליכטלאך:
געגען א העלען זאנען־שטראהל.

*

האלבע פרייהייט איז קיין פרייהייט!
דאס איז פארפוצטע שקלאפען שאנד,
זיא ווערט זעטיגען אונזער מאגען
און ארעסטירען דעם פער׳שטאנד!

*

מיר ווילען אונבעגרענצטע פרייהייט,
וואו דאס געזעץ איז דיא נאטור,
וואו מיט א פולער ברוסט וועט אטהעמען
דיא ריינע מענשליכע קולטור!

*

וואו קונסט, וואו וויסענשאפט און ווארהייט
וועלען פילייכט צום ער׳שטען מאל,
פון זיך אראבווארפען דיא קייטען
און פריי ערהויבען זייער קול!

*

און וויא מען זאל אונז ניט פערלוימדען,
פערדאמען, דריקען איבעראל —
מיר געהען פארווערטס, איממער פארווערטס,
צור ליכט צו אינזער אידעאל!

דער אידישער פּראָלעטאַר.

(געזונגען מיט'ן מאָטיוו פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליעד „וויא זשערטוואָי פּאַלי...")

בּרידער מיר טראָגען אַ דרייפּאַכע קייט —
אַלס אידען, אַלס שקלאַפען, אַלס דענקער,
מיר ווערען געיאָגט און געמאַטערט צום טוידט
פון אַנטיסעמיטען און הענקער!

עס דריקט אונז אין רוסלאַנד דער ווילדער קאַצאַפּ,
און דאָ, אין דער פרייער מדינה
פאַרקערקערט מען אונז אין דעם פינסטערען שאַפּ,
וואו מיר בּלוטען בּיי דער מאַשינע!

דיא בּלומעלאַך יונגע, וואָס פאַנגען ערשט אָן
צו לאָזען דיא עדעלע קוויטען,
ווערען צוטראָטען פון געלדזעק און טהראָן,
פערמאַטערט אין שקלאַפען־קייטען!

מען מאַכט אונז פיר בּעטלער, מען מאַכט אונז פיר קנעכט
מען ווערגט אונז, מען בּייגט אונז אין דרייען,
מען זאָגט אונז: אַללעס דאַרף זיין פיר אייך רעכט,
און רויבּט מען אייך, טאָרט איהר ניט שרייען!

דאָך בּרידער, עס לעבּט נאָך דער הייליגער גייסט,
וואָס מאַכט פיר אַ העלד אויך דעם שלאַפען,
וואָס וואַרפט אום דיא קערקעס, דיא קייטען צורייסט
און בּעפרייט דיא פערמאַטערטע שקלאַפען!

ער וועט אונז העלפען, פון דרייפאכען פלוך
דיא ארבייטער מאסע ערלעזען,
נור דאן וועט דיא מענשהייט איהר טאגע־בוך
אהן טרעהרען, אהן שאנד קענען לייזען!

ברידער, מיר מוזען דיא ליידענדע ערד
פון קייטען, פון טרעהרען בעפרייען!
שולטער אן שולטער, מיט פאנצער און שווערד,
פארווערטס אין דיא קעמפפענדע רייהען!

וואס שווערער דער קריעג, דאס זיסער דער זיעג,
דאס פראכטפאלער זיינען דיא פירות!
און ווער עס פאלט אין פרייהייטס־קריעג,
דער לעבט אין דיא קומענדע דורות!

וואס טויג אונז דאס לעבען אהן פרייהייט, אהן רעכט,
אונטערען בייטש פון טיראנען!
ביז וואנען וועלען מיר בלייבען נאך קנעכט
היימלאזע שקלאפען—ביז וואנען?!

ברידער, שווערט דיא פערבלוטיגטע ערד,
דאס פאלק פון טיראנען בעפרייען!
שולטער אן שולטער מיט פאנצער און שווערד,
פארווערטס אין דיא קעמפפענדע רייהען!

———

אויף דער וואכע?

געקריינקט פון פיינד מיט גיפטיגע דערנער,
פון גוטע פריינד פערגעסען, פערלאזט—
וויא אויף דער וואכע אן אלטינקער זעלנער
שטעהט ער אליין אויף זיין הייליגען פאסט!

*

דיא נאכט איז פינסטער, עס רעגענט און האגעלט,
עס הערט זיך אין ווינד א ווילדער געוויין—
אך, וויא עלענד איז דער און פערוואגעלט,
ווער אין שטורם שטעהט אויף דער וואכע אליין!

*

אליין, פערגעסען פון פריינד און ברידער,
אליין, וויא א שיפעל אין שטורמישען מעער,
אט, אט ווארפט דיר דער שטורם אנידער
און פון דער האנד פאלט דאס געווער!

*

דאך ניין, ער דארף ניט, ער טאר ניט יעצט פאלען!
ער ראנגעלט זיך מיט שטורם און קעלט,
ער הויבט אויף דאס געוועהר, פייערט סיגנאלען...
און עס ענטפערט איהם נור דאס עכא פון פעלד!

*

און עס פיללען זיך אן זיינע אויגען מיט טרעהרען,
דאס הערץ ווערט פערגליווערט אין ברענענדען פראסט
און ווען עס וועט אויפגעהן דער מארגען־שטערען
געפינט ער איהם טודט אויף זיין הייליגען פאסט...

וואכט אויף!

וויא לאנג, אה וויא לאנג וועט איהר בלייבען נאך שקלאפען?
אונ טראגען דיא שענדליכע קייט!
וויא לאנג וועט איהר גלענצענדע רייכטהימער שאפפען,
פיר דעם וואס בערויבט אייער ברויט?!

*

וויא לאנג וועט איהר שטעהען אייער רוקען געבויגען,
ערנידעריגט, היימלאז, פערשמאכט!
עס טאגט! וואכט אויף! עפענט דיא אויגען!
ערקענט אייער אייזערנע מאכט!

*

פרעדיגט דיא פרייהייט פון קאמפף באריקאדען!
ערקלעהרט דיא טיראנען א קריעג!
מוטה און ענטשלאסענהייט, בראווע קאמעראדען!
וועלען אייך פיהרען צום זיעג!

*

קייטען און טהראנען, אללעס מוז פאלען,
אונטער דעם ארבייטערס שווערד!
מיט דופטענדע בלומען, מיט גאלדענע שטראהלען!
וועט פרייהייט בעציערען דיא ערד!

און אללעס וועט לעבען, ליעבען און בליהען,
אין פרייהייטס גאלדענעם מייא!
ברידער געגוג פאר טיראנען צו קניען!
שווערט, דאס איהר מוזט ווערען פריי!

*

קלינגט איבעראל אין דיא פרייהייטס גלאקען!
פערזאמעלט דיא ליידענדע קנעכט!
און קעמפפט בעגייסטערט, קעמפפט אונערשראקען
פיר אייערע הייליגע רעכט!

„מיין פריהלינגס־ליעד".

פיר דען „מארגענשטערען"

איך הער מען זינגט פון דער פריהלינגס זאנגע,
פון דער זיסער נאכטיגאל,
און איך זעה נור קאלטע פערפראָרענע הערצער
און הער קייטען־מוזיק איבעראלל...

*

וואס איז מיר פריהלינג, וואס איז מיר בלומען?
דאס געניעסט יעצט נור דער טיראן!
ער לאזט נור איבער דיא גיפטיגע דערנער
פיר דעם ארעמען ארבייטס־מאן!

*

וואס וויים א שקלאף פון דעם זיסען פריהלינג?
פיר איהם איז נור שטורם און פרעסט,
נישט מיט געזאנגען, מיט זיפצען און קרעכצען
איז פולל יעדער ארבייטער נעסט.

*

עס וועט אויך קומען א מאל דעם ארבייטערס פריהלינג,
דער פריהלינג פון פרייהייט און ליכט,
ווען א שטראהל פון גליק וועט אויך פרעהליך שפיעלען
אויף דעם ארבייטערס בלאססע געזיכט!

*

ווען אויך פיר איהם וועלען בליהען דיא ראזען
און זינגען דיא נאכטיגאל,
און זים וועלען רוישען דיא גרינע וועלדער,
און דער זילבערנער וואסערפאלל...

*

ווען אויך דעם ארבייטערס פרויען און קינדער,
— און ניט דעם רייכענס נור —
וועלען געניעסען דעם זיסען גן־עדן
דער שעהנער, דער רייכער נאטור!

*

ווען יעדעס מענשליכעס הערץ וועט בליהען
מיט ליעבע, מיט הומאניטעט!
איך יענעם פריהלינג וועל איך בעזינגען
שוין ניט וויא א טרעהרען־פאעט

*

איך וועל איהם בעגריסען, וויא דיא ערשטע ליעבע
א ליעבענדעס הערץ בעגריסט,
איך וועל איהם בעזינגען, וויא עס קען נור בעזינגען
א דיכטער און סאציאליסט!

*

איך וועל איהם בעגריסען און וועל גערן קושען
זיין יעדען הייליגען טריט...
אונד אין יעדעס הערץ וועט אבקלאנג געפינען
מיין ליעבע, מיין פריהלינגס ליעד!

אלבערט פארסאנס.

„לאָז דיא שטיממע פון פאלק געהערט ווערען!“
(א. פארסאנס).

ער איז וויא א מעכטיגער אייכענבוים,
געשטאנען אין שטורם ווינד!
דיא פאלקס טריבונע וואר זיין היים,
דאס פאלק זיין ליעבלינג, זיין קינד.

*

קיינער האט וויא ער, ניט פערשטאנען
זא גוט דעם גייסט פון פאלק,
און קיינער וואר פון ווילדע טיראנען
זא אונערבארמליך פערפאלגט.

*

ער האט צום פאלק אין זיין שפראך גערעדט,
בענוצט איהם פערשטענדיגע וואפען,
ער וואר א קעמפפער, א פרייהייטס פראפעט,
פיר דיא ווייסע און שווארצע שקלאפען!

*

ער האט דיא שקלאפען־וועלט בערייזט
און מיט טרעהרען בענעצט איהרע קייטען,
איבעראל פלעגט זיין פרייער גייסט
דיא שטאלצע פליגעל פערשפרייטען!—

צווישען שטיין־ברעכער, שמידען און וועבער,
אין יעדער שקלאפען־געצעלט—
ער האט אין דיא מיינס פון קאהלען־גרעבער
זיין פרייע טריבונע געשטעלט!

*

אונטערען אפענעם הימעל, אין רעגען, אין פרעסט
האט ער דיא פרייהייט געפרעדיגט!
און מיט זיין דונערדען פראטעסט
דיא ליידענדע שקלאפען פערטהיידיגט!

*

ער וואר אֿ מאראט אין דיא פלאמענדע רעדעס,
אספארטאקוס אין ווידער׳שטאנד,
א מאן פון פאלק, א שטענדיגער עדות
פון ארבייטערס טרעהרען און שאנד.

*

פיר זיין גייסטיגען אויג האט איממער געשוועבט,
דיא גרויסע רעוואלוציאן,
ער האט מיט איהר געאטהעמט, געלעבט,
מיט זיין בלוט געפארבט איהר פאהן!

*

ער האט אין דעם קלאנג פון קייטען געהערט
דעם קרעכץ פון פערוואונדעטער פרייהייט,—
וואס וואר אונטערדריקט פון׳ם בלוטיגען שווערד,
געשענדעט פון מענשליכע נארהייט.

זיין הערץ וואר אן אפענער הייליגער בוך,
פון א ערנסטען קעמפפער און דענקער—
וויא ביטער, וויא גרויזאם דארף זיין אונזער פלוך
צו זיינע פערפאלגער און הענקער.

*

פאלק! ער האט דיך געליעבט אהן א שיעור,
מעהר וויא זיך, וויא זיין פרוי און קינד,
ער האט געלעבט און געשטארבען פאר דיר —
ענדיג זיין ארבייט אצינד!—

דזשאן בראון.

געקריינט מיט בלומען אין וואשינגטאן,
דער פאטריאטישער זעלנער,
און דער פרייהייטס־קעמפפער דזשאן בראון?
ער בלוטעט אין גיפטיגע דערנער.

*

דער גאלגאן איז דיא קריין פון דעם העלד,
דער אמעריקאנער געשיכטע,—
וואס האט געזייהט אויפ'ן גייסטיגען פעלד
דער פרייהייטס הייליגע פריכטע.

*

עס האט געברענט אין זיין ליעבענדען הערצען
דער האס צו שקלאפען שאנד,
ער האט דער ערשטער דעם קנעכט, דעם שווארצען
דערלאנגט זיין ברודער האנד.

*

ער האט מיט זיין פלאמענדער שטיממע פערקינדיגט,
אז יעדער מענש מוז זיין פריי,
ער האט מיט זיין פרייהייטס־ליעבע געזינדיגט
געגען דער טיראניי.

*

מען האט איהם געפאנגען, מען האט איהם דערווארגען,
דאך באלד נאך זיין העלדישען טוידט
האט אויפגעדעמערט דער גאלדענער מארגען,
געפאלען דעם ניגערס קייט.

פארביי זיינען יאהרען... מען האט ערפונדען
א נייע שקלאפען־נעץ,
און יעצט זיינען מיר אללע געבונדען
פון ארדנונג און געזעץ...

*

צוזאמען מיט אונזער ברודער שווארצען
זיינען מיר פערקויפטע קנעכט,
דאך לעבט דזשאן בראון אין אונזער הארצען,—
דער גייסט פון פרייהייט און רעכט.

*

ער איז דעם קעמפפענדעם ארבייטער ליעב,
אלס א וואהרער אמעריקאנער,
וואס האט געקעמפפט פיר זיין פרייהייטס פרינציפ,
געשטארבען אין האנד מיט זיין באנער.

*

ער האט אונז געצייגט, אז פאלען און שטארבען
מוז דיא שקלאפעריי,
אז פעלקער פון אללע ראסען און פארבען
מוזען און וועלען זיין פריי.

לואים לינג.

ער שטעהט פאר מיר אין א שטראם פון ליכט,
אויף דער וועלט פערבלוטיגט ביהנע,
עס רוהט אויף זיין וואונדער־שעהנעם געזיכט
דער פרייהייטס הייליגע שכינה.

*

יונג און קרעפטיג, אין שווארצע לאקען
מיט א שארפען אדלער־בליק,
וויא ברוטוס שטאלץ און אונערשראקען
וואר ער אין פרייהייטס קריעג.

*

א לייב אין קאמפף—זיין העלדישע ברוסט
וואר מיט א בלומען־הארץ בעגאבען,
וואס האט מיט דער הייליגסטע ליעבע געוואוסט
צו ליעבען דאס, וואס איז שעהן און ערהאבען.

*

וויא מעכטיג האט געדונערט זיין שטיממע,
געבראנדמארקט דעם פאלשען געריכט,
וואס פיר ווארהייטען ביטערע, שלימע
געשליידערט דעם פיינד אין געזיכט.

*

„טיראנען! איך האס אייך מיט געזעץ,
מיט דיא פינסטערע סטאטטען
וואס פאנגען דאס ארעמע פאלק אין נעץ
און צווינגען איהם ליידען און בלוטען!"

*

„איך זאג אייך אפען, איך גלויב אין קראפט,
אין קראפט פון דיא ארבייטער רייען,
געוואלד האט אונזער וועלט פערשקלאפט,
און געוואלד וועט זיא בעפרייען!"

*

„אויף אייערע בלוטיגע מארד קאנאנען
וועלען מיר ענטפערען מיט דינאמיט,
מיר וועלען פערניכטען דיא קייטען און טיראנען
מיט אונזער גיגאנטישען שריט!"

*

איהר לאכט—איהר דיינקט: „ווארט, ברודער, ווארט,
מיר וועלען דיין שטיממע דערשטיקען, צושטערען
מערדער! דערשטיקט מיך! א צווייטער וועט באלד
אויף מיין הייליגען פאסטען זיך שטעלען!"

*

און וועט פארטזעצען אונזער הייליגע זאנגע
מיט מעהר פייער און אייזערנעם מוטה,
טיראנען! ער וועט פון אייך נעהמען ראכע,
פאר אונזער אונשולדיגעם בלוט!"

*

„איך פעדראם אייער מערדערשען פערזוך:
דערשטיקען דיא פרייע דענקער,
איך האס אייך, איך שיק אייך א דריי־פאכען פלוך,
הייגט מיך דערפאר, איהר הענקער!...

. . . .

. . . .

צו איהם האבען ערמארדעט דיא אונטערדריקער,
אדער ער זעלבסט מיט זיין פרייער האנד,
האט צושמעטערט זיין שטאלצען קאפ אויף שטיקער —
דאס איז אונז אונבעקאנט. —

*

נור ליגג איז ניט טויטט... אויף דיא קאמפף־באריקאדען
שוועבט נאך זיין גייסט! און איהר הערט,
וויא ער שרייט צו אונז: „פארווערטס, קאמראדען!
פארווערטס מיט פאנצער און שווערד!"

*

„אונזער רויטע פאהן מוז ווערען נאך רויטער
אין דעם לעצטען פרייהייטס קריעג,
דיא קברים פון קעמפפער זיינען הייליגע לייטער,
וואס פיהרען צו פרייהייט און גליק!"

*

אזוי זאגט צו אונז ליגג, זיין שטיממע דונערט
און וועקט אונז צו אונזער פפליכט,
און דיא זון פון צוואנציגסטען יאהר־הונדערט,
שיינט אויף זיין שטאלצע געזיכט...

היינטיגע מענשען.

היינט זינד דיא מענשען גאנצע וועלטען
פון חכמה, פון דומהייט, פון פרייד און שמערץ,
אבער זעלטען, אך זעהר זעלטען
געפינט מען א ווארעמעס מענשליכעס הערץ.

מיר האבען זעהר פיעל מאראליסטען,
מיר האבען געזעצע אויף יעדען שריט,
שרייבער, רעדנער, גלענצענדע איסטען,
נור מענשליכע הערצער... דאס האבען מיר ניט.

מענשען האבען דאס הערץ פערלארען
אין ווילדען יאגד נאך געלד און נאך רוהם,
מענשען זיינען שטיינער געווארען,
וואו גיפטיגע שלאנגען קריכען ארום.

* * *

ווארעמע הערצער, עדעלע, זיסע,
וויא שווער איז אהן אייך דער לעבענס וועג,
דיא וועלט איז א דולהויז, דיא וועלט איז א תפיסה,
אין כמארע פערלירט זיך דער הייליגער צוועק!

צו מיין שוועסטער.

פיר דעם „מארגענשטערען״.

(געווידמעט אן אללע מיינע פערשקלאפטע שוועסטער).

שוועסטער מיינע געננוג שוין דיר זארגען,
נישט אייביג וועט פינסטער זיין,
עס מוז דאך קומען דער ליכטיגער מארגען—
דער הייליגער זאנענשיין.

לאז רוישען דער שטורם... מיט זיין ווילדען כעס
קען ער דעם שוועכלינג ערשרעקען,
דאך אין אונז דארף ער נור האס,
נור מוטה צום קאמפף ערוועקען.

ליעבע שוועסטער! איך וויים עס איז שווער
אונזער הערצען ווײנען פערוואוערן,
דאך זעה אליין, וויא קליין איז דיין טרעהר
געגען ים פון מענשליכע טרעהרען.

זאלען מיר דען וויא קינדער קלאגען
אויף דעם, וואס מיר לעבען שלעכט,
און ביז'ן קבר דיא קייטען טראגען,
וויא שוואכע געהארכזאמע קנעכט?!

אה, ניין! איך וויים, אין דיר בליצט שוין דער פייער,
וואס פלאקערט זא פריי אין מיין הערץ,
אויך דיר איז דיא פרייהייט הייליג און טהייער,
דוא פערגעסט צוליעב איהר דיין שמערץ.

צוזאממען מיט מיר וועסטו געהן אין שטורעם,
אין קאמפף געגען טיראניי,
און העלפען צוברעכען דעם אייזערנעם טהורעם
פון פינסטערנים און שקלאפעריי.

דוא וועסט ניט פערקויפען דיין יוגענד, דיין לעבען,
פיר בעללער שמאטעס און געלד,
דוא וועסט זיך ווידמען דעם הייליגען שטרעבען–
בעפרייען דיא ליידענדע וועלט.

דוא וועסט לעהרנען טריי דיא ברענענדע פראגע,
וואס ווערט „ארבייטער פראגע” גענאנט,
דוא וועסט דאן בעגרייפען דיא שרעקליכע לאגע,
פון דעם פאלק אין יעדען לאנד.

דוא וועסט פערשטעהען פון וואנען דיא לארדען
האבען גענומען דאס רעכט
פערנעהמען דאס לאנד, מיט צוואנגס־ארבייט מארדען
טויזענדער ארעמע קנעכט.

דוא וועסט דאן געהן צו דיא ליידענדע שוועסטער
אין דער וועלט פון שווינדזוכט אונד נויטה,
אין טענעמענט הייזער, אין דיא פינסטערע נעסטער,
וואו דער לעבען איז ביטטער וויא טוידט.

דוא וועסט מיט דעם פייער פון א ליעבענדען הערץ
א נייע וועלט פיר זיי ענטדעקען,
און דארט וואו עס וואהנט נור פערצווייפלונג און שמערץ
א הייליגע האפפנונג ערוועקען.

דוא וועסט פון זיי בילדען נייע רעקרוטען
פיר'ן קעמפענדען פרייהייטס פאלק,
וועסט לעהרנען זיי דענקען, קעמפפען אונד בלוטען
פיר דאס פערשקלאפטע פאלק.

און דאן ליעבע שוועסטער, וועסטו ניט זארגען,
וועסט ארבייטען העלפען דער צייט,
בריינגען אם שנעללסטען דעם ליכטיגען מארגען,
ווען אללעס וועט ווערען בעפרייט.

נור דאס פאלק וועט דיר זיין הייליג און טהייער,
און איהם דיין לעבען, דיין גליק.
און שטאלץ ווערסטו שטעהען אין שטורם און פייער
פון דעם הייליגען פרייהייטס קריעג.

און ווען דער טאג דער פרייהייט וועט קומען,
וועט יעדער פראלעטאריאט
דיך קרוינען און הערצען מיט גייסטיגע בלומען
און בעזינגען דיין העלדענטהאט.

דער קינדער מערדער.

איין אריגינעלעס בילד פון לעבען.

אין א קאלטע, פינסטערע ווינטער נאכט,
איז אין אפים צום דאקטאר גראן
אריינגעקומען בלאס און פערשמאכט,
אן ארימער יונגער־מאן.

דער דאקטאר האט איהם געפרעגט וואס ער וויל,
ער האט געשוויגען א פאאר סעקונדען,
און האט מיט טרעהרען טרויעריג, שטיל
ענטדעקט פיר איהם זיינע וואונדען.

„איך בין ארעם, דאקטאר, שרעקליך ארעם!
איך האב א פרוי און קינדערלאך צוויי,
מיר לעבען אין איינעם אין דיא פינסטערע קברים,
וואו דיא וואנד זיינען בעדעקט יעצט מיט שניי"...

„איך בין אין א סטרייק שוין א מאנאט פיער
און קען קיין סענט ניט פערדיענען,
דער לענדלארד קומט יעדען טאג צו מיר —
איך געה שיעור אראב פון זינען.

„דאך דאקטאר איך בין ניט געקומען צו אייך
איהר זאלט א נדבה מיר געבען,
צוואר איך בין ארעם און איהר זייט רייך
דאך קיין בעטלער וואר איך ניט אין לעבען.

„אה, ניין! איך קום עטוואס אנדערש בעטען...
אה! וויא עס בלוטעט מיין הערץ,
דאקטאר! איך וויל איהר זאלט אונז רעטען
פון א נייעם אונגליק און שמערץ.

„ביז יעצט האבען מיר מיט צוויי קינדער געליטען
שרעקליכען הונגער און קעלט,
און גיך וועט מיין פרוי ברייגגען א דריטען
אומגליקליכען שקלאף אויף דער וועלט.

„ברייגגען אויף אייביגע שמערצען און ליידען,
אויף דעם בלוטיגען יאגד נאך ברויט,
איך וויל... איך מוז דיעזען אונגליק פערמיידען,
אה, דאקטאר, העלפט מיר אין נויטה.

„א שקלאפען קינד, חוץ קייטען און שמערץ,
וואס וועט איהם דיא וועלט געבען?
עס וועט פערשעלטען זיין פאטערס הערץ,
וואס האט איהם געגעבען דאס לעבען.

„עס ערוואַרטעט איהם דיא בּעטלער שאַנדע,
דעם הונגערס אייזערנע רוט,
וואָס טרייבּט פערקויפען צו דיא רויבּער בּאַנדע
אונזער פרייהייט, אונזער בּלוט.

„אַה, דאָקטאָר! עס איז נאָך צייט אַצינד
ד׳ם פונק פון לעבּען דערשטיקען,
צו וואָס זאָל נאָך אַן אונשולדיגעס קינד
דיעזע פינסטערע וועלט ערבּליקען?"

פערטראַכט האָט דער יונגער דאָקטאָר גראַן
ארומגעשפּאַנט אין זיין חדר,
ער האָט בּעטראַכט דעם אָרימען מאַן
אין זיינע צוריסענע קליידער.

זיינע שוואַרצע הענד, זיין בּלאַסען שטערן,
זיין אַראָבּגעלאָזענע קאָפּ,
און וויא עס קייקלען זיך גרויסע טרעהרען
פון דיא טרויעריגע אויגען אַראָבּ.

„יונגער מאַן, איך האָבּ מיטלייד מיט אייך,
איהר ווילט בּעגעהן אַ גרויסען פערבּרעכען,
איך וואָלט געקענט אַרעסטירען אייך גלייך,
נור איהר זייט יונג, און איך רעכען —

„אז איהר וועט מעהר דערפון ניט דיינקען,
געהט צו דיא וואס זיינען רייך,
זיי וועלען אייך א פאאר דאלאר שיינקען
און האבען מיטלייד מיט אייך."

אויף דעם בלאסען געזיכט פון ארימען מאן,
האט געשפיעלט איין איראנישער שמייכעל,
ערשטוינט איז געווארען דאקטאר גראן:
„דער מאן האט פערלארען זיין שכל!"

„געהן צו דיא רייכע! צו דיא רויבער פון ליכט,
צופיעל גיפט איז שוין אין מיין בעכער,
ניט מיך—דיא רייכע שלעפט צום געריכט,
זיי זיינען דיא וואהרע פערברעכער.

„פון אונזער בלוט זיינען זיי רייך,
און ווען ניט דיקע, רייכע לארדען,
וואלט ניט געבעטען א פאטער ביי אייך
זיין אייגענעם קינד ערמארדען.

„געה צו דיא רייכע! איהר זייט ניט קיין שלעכטער
איך דאנק אייך, דאקטאר גראן!"
און מיט א בייסענדען געלעכטער
איז אוועק דער יונגער מאן.

ווידער א קאלטע ווינטערס נאכט,
ביי א פייער אויף א דיוואן,
זיצט איבער א בוך פערטראכט
דער יונגער דאקטאר גראן.

פלוצלונג הערט ער א געשריי:
„עפענט דיא טהיר, דאקטאר גראן!"
און בלאס וויא דער טויט בעדעקט מיט שניי,
לויפט אריין דער ארימער מאן.

„דאקטאר! פערלירט ניט קיין מינוט,
מיין פרוי, זיא שטארבט אוועק!"
דער דאקטאר נעהמט זיין ראק און הוט,
און זיי געהען שנעל אוועק.

. . . .

אין א קליינעם רום, ביי א שיין פון א ליכט
האט דער דאקטאר גוט בעטראכט —
א יונגע פרוי מיט א דארע געזיכט,
שווארץ וויא דיא פינסטערע נאכט.

נעבען איהר זיינען געלעגען צוויי קינדער
און האבען געציטערט פון קעלט...
אה, וויא גליקליך איז דער בלינדער
אין דיעזער פערונגליקטער וועלט.

„וואס האט איהר דא מיט דער פרוי געמאכט!"
האט געשריען דאקטאר גראן,
„—איך האב צו איהר נעכטען א דאקטאר געבראכט",
האט געענטפערט דער ארימער מאן.

„ער האט מיר געזאגט, דאס ער וועט דאס קינד...
—דאך, דאקטאר, וואס איז יעצט מיט איהר?
—זיא און דאס קינר זיינען טוידט אצינד,
און דער שרעקליכער מערדער זייט איהר.

„אה, דאקטאר, רעטעט! רעטעט זיי!
—צו שפעט! עס איז אללעס פערפאלען!"
און דער עלענדער איז מיט א ווילדען געשריי,
טוידט צום באדען געפאלען.

צום „משוגע'נעם פילאזאף".

איך בין פערליעבט אין זיינע ציילען,
אין זיי לעז איך מיין אייגענעם שמערץ,
איך קען מיט זיי מיינע וואונדען היילען,
טרייסטען מיין ליידענדעם הערץ.

*

איך זעה אין זיי, וויא אין א שפיעגעל
מיין לעבענס יאממערטהאל,
איך זעה דארט מיין גייסט מיט פערוואונדעטע פליעגעל,
וויא ער רייסט זיך צום זאננענשטראהל.

*

איך זעה, וויא עס צאפלען זיך דארטען געדאנקען,
דיא זעלבע, וואס ליעגען האלב טוידט
אין מיין ארעמען הערצען, צובראכענעם, קראנקען
פון אייביגע ליידען און נויטה.

*

וויא זיי קומען צו איהם, דאס קען איך ניט זאגען,
דאך זיי זיינען מיינע, איך שווער!
פיללייכט האט צו איהם זיי דער שטורעם פערטראגען,
דיא וועללען פון רוישענדען מעער.

*

זיינע געדאנקען זיינען צושלאגען,
אויף טויזענדער רייגע אלמאזען,
ער קען מיט איינפאכע ווערטער אונז זאגען,
וואס מיר מיט קלינגענדע פראזען.

*

אלזא, איך דריק וויא א ברודער זיין האנד
און האף ער וועט אנטווארט מיר געבען,
וויא קומט עס, דאס ער איז אזוי גוט בעקאנט
מיט דיא שמערצען און קאמפף פון מיין לעבען.

*

זיין שרייבען ערפיללט מיר מיט האפפנונג און מוטה,
דאך קען איך זיך גוט ניט ערקלעהרען,
וויא קומט אין זיין טינטער מיין הערצענס בלוט?
וויא קומען צו איהם מיינע טרעהרען?

דער 11טער נאוועמבער.

עס פלאטערן ווידער די בלוט־רויטע פאהנען,
עס קלינגט דער פרייהייטס הייליגע שטים,
נאך א מאל וועט מען דעם פאלק דערמאנען,
די קעמפפער, וואס לעבען און שטערבען פיר איהם.

*

אין דער וועלט־געשיכטע וועלען מיר ווידער
אויפמישען די מארטירער־בלאט,
וואס איז פריש נאך מיט בלוט פון אונזערע ברידער,
ערמארדעט פון געלדזאק, קירכע און שטאאט.

*

פינף גייסטער פערבלוטיגטע וועלען שוועבען
אויף דער פאלקס־טריבונע צווישען ליידענדע קנעכט,
און וועלען אונז מוטה אונבעזיגבארען געבען
צו לעבען און שטערבען פיר פרייהייט און רעכט.

*

זיי וועלען ערינערען אונז די צואה,
וואס זיי האבען דעם ארבייטער פאלק געלאזט:
„קעמפף פיר דיין פרייהייט! קיין שום חיה רעה
„דארף דיך ניט פערטרייבען פון הייליגען פאסט!“

*

„נים שרעק זיך פיר הענקער מיט זייער תליה,
„קעמפפט און קלינגט אין פרייהייטס גלאק,
„און זייט דיא אל־וועלטליכע שקלאפען מודיע,
„אז עס דעמערט שויז דער בעפרייאונגס טאג!‟

*

און אויףביידע ברעגען פון גרויסען אטלאנט,
וועלען דיא שקלאפען פון אללע נאציאנען
זיך רייכען פריינדליך דיא ברודער־האנד,
און שווערען צו פערניכטען קייטען און טהראנען...

איך בין דאס שווערד, איך בין דער פלאם.

(פריי בעארבייטעט נאך היינריך היינע).

איך בין דאס שווערד, איך בין דער פלאם,
איך האב געקעמפפט, און וויא שטערען
האב איך בעלייכטעט דעם שטורעם־ים,
פון מענשען בלוט און מענשען טרעהרען.

*

איך האב אייך צום פרייעם קאמפף געוועקט,
דאך שווער איז יעצט אהן אפפער זיעגען,
מיט וואונדען בלוטיגע בעדעקט,
זעה איך אין שלאכטפעלד קעמפפער ליעגען.

*

דאך יעצט איז ניט דיא צייט פיר טרעהרען,
מיר מיזען קעמפפען אויף דאס ניי —
ביז מיר צושמעטערען, צושטערען,
דיא וויסטע וועלט פון שקלאפעריי.

*

פערליער ניט ברידער האפפנונג, מוטה,
פון שלאכטפעלד איז א שאנד אנטלויפען,
ווען אויך מיט דיא לעצטע טראפפען בלוט
מוז מען דער מענשהייט פריידהייט קויפען.

*

פערגעסט דיא אלטע שווערע וואונדען,
וויא פינסטער זאל דיא נאכט ניט זיין,
אם ענדע מוז זיא דאך פערשווינדען
און געבען פלאץ פיר זאננענשיין.

*

לאז רוסלאנד אונז אלס ביישפיעל דיענען,
דארט פאלען אפפער אהן א צאהל,
דאך וועט איהר אימער דארט געפינען
א קעמפפער גרייט פיר ברוטום ראל!

*

דארט וועלען נאך פיעלע אפפער פאלען,
דאך פאלט דארט ניט דער העלדענמוטה —
ער פלאנצט דיא פרייהייטס אידעאלען
מיט היילינע מארטירער־בלוט...

*

וואכט אויף אה, ברידער, מיט שווערד און פלאם,
קומט אללע מיט אין דיא קעמפפערס רייהען!
און ווען אויך מיר פאלען אין דעם שטורעם־ים,
מיר וועלען דאך דיא וועלט בעפרייען!...

בלומען און שטערען.

איך בין פערליעבט אין א שניי ווייסע בלום,
ווען איך זעה איהר ניט ווילט זיך מיר קלאגען,
און וויא איך דערזעה איהר ווער איך זא שטום,
דאס איך קען קיין ווארט ניט זאגען.

*

ווען עס קומט דיא נאכט און עס איז שטיל אומעטום,
אין הימעל שיינען דיא שטערען,
דאן געה איך אין גארטען צו מיין שניי־ווייסע בלום —
צו זעהן איהר בין איך גערען.

*

פון הימעל שיינט דיא שעהנע לבנה,
זיא זעהט מיין ליעבע, מיין שמערץ,
זיא איז ניט זא שטאלץ וויא דיא גאלדענע זאננע,
און האט מיטלייד מיט מיין הערץ.

*

זיא זעהט, וויא איך וואנדער אין גארטען ארום
און בענעץ דארט דיא בלומען מיט טרעהרען,
און זיא זאגט: צו וואס ליעבסטו דיא אירדישע בלום,
ווען עס גיבט זא פיעל הימלישע שטערען.

*

דיא אירדישע בלומען זיינען זעהר צולאזען,
זיי האבען גאר קיין מאראל,
זיי ליעבען הייטע דיא שעהנע ראזען
און מארגען דיא נאכטיגאל.

*

און איבערמארגען א גאלדענע פליג,
און פערגעסען דיא שעהנע ראזען,
פערגעסען דיא נאכטיגאל'ס זיסע מוזיק —
יא, דיא אירדישע בלום איז צולאזען.

*

ליעב דיא שעהנע, דיא ליכטיגע שטערען,
זיי זיינען זא גוט, זא טריי,
זיי וועלען ניט נארען, זיי וועלען ניט שטערען
צו זיין פערנינפטיג און פריי.

*

זיי וועלען דיר זינגען א הייליגעס ליעד,
וואס געטטער און ענגלען נור הערען,
דיא אירדישע בלומען פערשטעהען דיך ניט,
קום צו דיא גאלדענע שטערען.

*

זיי וועלען דיך ליעבען, זיי וועלען דיך קיסען,
זיי וועלען דיין טרויער צושטערען,
און וועסטו פון זעליגקייט טרעהרען פערגיעסען,
דאן ווערט פון זיי הייליגע שטערען.

*

וואס וועלען בעליכטען מיט בליצענדע שטראהלען
פיר עלענדע מענשען דעם וועג,
און אין דער פינסטער נים לאזען זיי פאלען —
פיהרען צו א היילינגען צוועק.

*

און ווען דוא דערצעהלסט פון דיא אירדישע ווענען,
וואו בלוט ווערט פון מענשען געזויגען,
דאן ווינען דיא שטערען און א גאלדענער רעגען
שפריצט אוים דיא הימלישע אויגען.

וואר היים.

*

קום מיט מיר ליעבער צו דיא גאלדענע שטערען,
דוא ביזט זא בלאס און זא מיעד,
אויף מיין שניי־ווייסע ברוסט וועסטו רוהען און הערען
דיא זיסע דיא הימלישע ליעד.

*

און ווען עס וועט ווערען דיר אומעטיג זיצען
אין רוהיגען הימעל־געצעלט,
דאן רוף איך דעם שטורעם, דעם דונער און בליצען,
און דוא פיהלסט אללע שמערצען דער וועלט.

*

זא זאגט דיא לבנה, און וויא א קינד אין א וויגעל
אין מיין ברוסט ווערט איינשלאפען מיין שמערץ,
און איך זעה אין מאנד וויא אין א זילבערנעם שפיגעל,
דאס ליידענדע מענשליכע הערץ.

וואָהרע און פאַלשע העלדען.

שרייבער, רעדנער, פּיליאָזאָפען,
פיר דען גרויסען היילינגען צוועק —
צו בעפרייען אללע מענשען,
שיטען ווערטער גאַנצע זעק.

*

מאַנכע האַנדלען אויך מיט ווערטער
און פערקויפען זיי דער וועלט,
איינער פיר אַפּלאָדיסמענטען
און דער אַנדערער פיר געלד.

*

דאָך דער וואָהרער זאָהן דעם פאָלק'ס
ניט צום וואָרט—ער גרייפט צום שווערד,
און פיר זיינע ברידער שקלאַפען,
קעמפּפט ער מוטהיג וויא אַ העלד.

*

און ער זוכט קיין מאָנומענטען,
קיין פערזענליכען ערפאָלג,
גערן ליידעט ער און בלוטעט —
אללעס, אללעס פיר דאָס פאָלק.

*

פײנדע װארפען אין איהם שטײנער,
פון איהם לאכט דער זאטער נאר,
דאך דער העלד געהט אימּמער פארװערטס,
אימּמער פארװערטס אין געפאהר.

*

אין זײן האנד דיא פרײהײטס־פאהנע,
אין זײן ברוסט א װארעמעס הערץ,
פול מיט רײנע מענשען־ליעבע,
פול מיט טיעפען האס און שמערץ.

*

אין דער שװארצער נאכט און שטורעם,
װיא א שעהנער זאננען־שטראהל,
בליצט און שײנט פיר זײנע אויגען
זײן געליעבטער אידעאל...

*

קעמפּפענדיג ארבײט ער פיר דיא מענשהײט,
און זײן קבר בלײבט אלײן —
בלײבט אלײן אהנע שעהנע בלומען,
אהן א רײכען מארמאר־שטײן.

*

דאך עס קומען שױן דיא צײטען,
װען דאס פרײע פאלק דער װעלט,
מאכט אונשטערבליך איהרען װאהרען
זעלבסט בעװאוסטען מענשען העלד...

*

און פון אללע פאלשע העלדען,
פון געזיכט דיא מאסקע פאלט,
און זיי צייגען זייער שווארצע,
זייער העסליכע געשטאלט...

*

דאן מיט שאנדע שטירצען ניעדער
אללע שמוציגע פיגמיען,
אייביג לעבט דער וואהרער קעמפפער
פיר דיא הייליגע אידעען.

דער וואנדערער.

איך האב אויסגעוואנדערט דיא גאנצע וועלט
און ניט געפונען קיין ארט,
וואו עס זאל ניט הערשען שווינדעל און געלד,
צוזאמען מיט רויב און מארד.

וואו פרייע ליעבע זאל ניט זיין פערבאטען —
דאך פריי פראסטיטוציאן,
וואו ארבייטער זאלען ניט זיין געטראטען
ביי פאליטיקער, געלדזעק און טהראן.

איך האב ניט בעגעגענט קיין איינציגע שטאדט,
וואו מערדער, גנבים און שקלאפען
זאלען ניט גלויבען אין קירכע, אין גאטט
מעהר וויא דיא פרומע פפאפען.

איך האב ניט געפונען קיין זשארגאנישע בלאט,
וואו מען זאל זיך ניט פאטשען, ניט קריעגען,
און עס זאל ניט זיין א העלדענטהאט —
צו האלטען מלחמה מיט פליעגען.

איך האב ניט בעגעגענט צווישען פרייהייטס בלומען,
זאל ניט זיין אויך בלאטע און מיסט...
און זא פאראזיטען, און מענשעלאך דומע
זאלען ניט שימפפען אויף אן אנארכיסט.

איך האב ניט בעגעגענט דיא וואס פרעדיגען ווארהייט
זאלען זאגען דיא ווארהייט אליין,
וואו ביזטו מענשליכקייט! ליעבע און פרייהייט!
דיא וועלט איז זא העסליך-געמיין.

מוטער און קינד.

אויף דעם פינפטען פלאָר אין א שמאלינקען חדר,
ביי דעם דונקעלען שיין פון א ליכט,
זיצט א יונגע פרוי אין צוריסענע קליידער,
מיט א טרויעריגע, בלאַסע געזיכט.

*

זיא זיצט, איהר דארען קערפּער געבויגען,
איבער איהר קראַנקען קינד,
זיא גיט איהם, מיט טרערהען איהר ברוסט צו זויגען,
דאָך ניט מילך,—זיא האָט גאָל דארט אצינד.

*

דאס קינד געהט אויס פון הונגער, פון שמערץ,
עס שטארבט — „אוי, ווי איז מיר ווינד!“
די מוטער וויל שרייען, פערקלעמט איהר דאָס הערץ—
און זיא חלשט ביי איהר שטערבענדען קינד.

*

עס איז שטיל אין צימער טרויעריג רוישט נור דער ווינד
און אזוי ווי א פריינד א גוטער
בעוויינט ער אליין דאס אונשולדיגע קינד
און זיינע אונגליקליכע מוטער.

פלוצלונג קלאפּט מען אין טהיר אז עס ציטערען דיא ווענד
עס לויפט אריין דער לענדלארד פון הויז —
„וואס זייט איהר דארט טויב! בעצאהלט מיר מיין רענט!
ניט, ווארף איך אייך פון צימער ארויס״.

*

ניטא קיין אנטווארט, שטיל געהט אויס דאס ליכט...
אט פלאקערט עס נאך אמאל אויף
און בעלייכטעט א פערמאטערטע טוידטע געזיכט,
און דאס קינד אין דעם אייביגען שלאף.

*

דער לענדלארד בלייבט שטעהן פיר דעם שרעקליכען קרבן
ער נעהמט דיא פרוי פאר דיא קאלטע הענד,—
„זיא איז טאקע, אפנים, פון הונגער געשטארבען,
„ווער וועט מיר בעצאהלען מיין רענט?!

*

אין צימער איז פינסטער, טרויעריג בלאזט דער ווינד
איבער דיא אפּפער פון הונגער און נויטה.
רוהיג שלאפט דיא מוטער מיט איהר אונשולדיגעס קינד
אונטער דיא שווארצע פליגעל פון טוידט...

דער פאל פון דער באסטיליע.

.הערט וויא עס דונערט, עס שטורמט און קראכט —
דאס פאלט דיא באסטיליע—דיא שרעקליכע מאכט
פון פראנקרייך געקרוינטע באנדיטען.
דאס פאלט דיא באסטיליע, דיא בלוטיגע וואנד,
וואו יעדער שטיין איז איין עדות, א וועלט מאנומענט
פיר דיא וואס האבען פיר פרייהייט געליטען.

*

אין ווילדער פערצווייפלונג, אין בלוט און אין פלאמען,
שטעהען דיא ליידענע שקלאפען צוזאמען —
דיא קינדער פון הונגער און נויטה
זיי ברעכען דעם טהראן פון דיא הערשענדע הענקער
דעם פינסטערען קערקער פון מענשליכע דענקער—
דעם גיהנם פון שרעקען און טוידט.

*

עס האט שוין געשלאגען דיא שטונדע פון ראכע,
ווען שוואך זינד דיא שטארקע און שטארק זינד דיא שוואכע
אין זייער גערעכטיגען צארן.
עס פאלט דיא באסטיליע, עס שטורמט און קראכט,
דאס פאלק האט ערקענט זיין געוואלטיגע מאכט,
טיראנען, איהר זייט יעצט פערלארען.

*

איהר קענט מעהר ניט שיסען אין פאלק מיט קאנאנען,
און זיצען זיך רוהיג אין גאלדענע טהראנען,
און טרינקען דאס בלוט פון דעם פאלק.
איהר מוסט פון דיא רייכע פאלאסטען אנטלויפען,
פיר געלד וועט איהר יעצט מעהר קיין שקלאפען ניט קויפען.
שווינדלער האבען דא מעהר קיין ערפאלג!

*

עס ליגט אין רואינען דער פינסטערער טהורם —
און יעצט הויבט זיך אויף א געוואלטיגער שטורם
אויף דער שווארצער באסטיליע דער וועלט!
דארט, וואו א ברודער ערמארדעט דעם צווייטען,
דריקט איהם, בערויבט איהם און שליסט איהם אין קייטען,
פערקויפט איהם פאר לוקסוס און געלד.

*

אין דיא הייליגסטע פפליכט פון מענשליכע פפליכטען —
אה, פאלק! — איז צערברעכען, פערברענען, פערניכטען
דיזע שווארצע באסטיליע דער ערד!
ערוועק דאך דיין גייסט, דיין קראפט, דיין צארן —
דער מענש איז פיר ליבע, פיר פרייהייט געבארען —
פאררווערטס מיט פלאם און מיט שווערט!

*

פאררווערטס אין קאמפף, מיט געוואלטיגען שטורם,
שטירצט דיא באסטיליע פון פינסטערן טהורם,
לאז פרייהייט בעליכטען דיא ערד!

דער ארבייטער.

(נאך נעקראסאוו)

שנעל לויפען דיא רעדער, ווילד קלאפּען דיא מאשינען
אין שאפּ איז זא שמוציג, זא הייס,
דער קאפּ ווערט פערטומעלט, אין די אויגען ווערט פינסטער
פינסטער פון טרעהרען, פון שווייס.

*

גענוג שוין אייך גיסען, איהר ביטערע טרעהרען,
איהר מאכט אויף מיין ארבייט א פלעק,
און ווען עס דערזעהט נור דער גזלן דער פּארמאן —
ער טרייבט מיך פון דאנען אוועק.

*

וויא זאל מען דעם פּארמאן מקנא ניט זיין
זעהט וויא ער איז פעט און וויא רויט,
ער זויפט נור זיין ביער און רייכערט זיין סיגאר —
וואס וויים ער פון הונגער, פון נויטה.

*

ער שמייכעלט דעם באס און וויא א ווילדע חיה
פאלט ער ארויף אויף דיא קנעכט,
ער צאפּט זיי דיא בלוט און בייגט זיי אין דרייען
און בלייבט דערצו אימער גערעכט.

*

איך פיהל שוין ביי זיך קיין גאנצען אבר,
צערבראכען, צערדריקט אין מיין ברוסט.
איך קען ניט פון וויטאג מיין רוקען צובויגען.
ביי נאכט לאזט ניט שלאפען דער הוסט.

*

וואו ביסטו פערשוואונדען, מיין גאלדענע יוגענד,
וואו ביסטו מיין בליהענדע קראפט,
פארוואס שלעכטע מענשען האט איהר מיך פון קינדהייט
ערמאטערט, געווארגען, פערשקלאפט!

*

דאך וואלט איך ניט קלאגען אויף מיין אייגענער לאגע,
איך וויים דאס דיא צייט איז ניט ווייט,
ווען רוהיג וועל איך שלאפען אין מיין פינסטערן קבר
פון שמערצען, פון קייטען בעפרייט.

*

נור ווען איך דערמאן זיך אן מיין פרוי, מיינע קינדער
דאן ברעכט מיר מיין הערץ פון געוויין —
ווער וועט זיי בעשיצען, ווער וועט זיי ערנעהרען,
זיי בלייבען אין וועלט גאנץ אליין!

*

איך זעה זיי וויא יעצט שוין פערהונגערטע, בלאסע
ביי דער טהיר פון א רייכען מאגנאט:
די פרוי בעגיסט זיך מיט ביטערע טרעהרען,
זיא ציטערט פאר דעם הערר וויא א בלאט.

*

זיא בעט ביי איהם הילפע, זיא בעט איהם דעם רויבער
מיט א קינד אויף דיא הענד פאר איהם קניעט—
דער הונגער איז שרעקליך און בעצאהל ניט דעם לענדלארד
דאן ווארפט ער ארוים אויף דער סטריט.

*

איך הער וויא ער זאגט איהר: „מיר וויסען אייך שנארערס,
וואס קומט איהר אונז דולען דעם קאפ"!
און ער טרייבט זיא ארוים מיט דיא וויינענדע קינדער
דער מערדער... אה, ניין—פילאנטראפ!

*

אה, ארבייטער לעבען, אה, שרעקליכעס לעבען
דיין שמערץ איז אהן א גרונד, אהן א ברעג,
אין דיינע בלוטיגע וואונדען זיצען גיפטיגע שלאנגען,
וויא א קבר איז פינסטער דיין וועג

*

שנעל לויפען דיא רעדער, ווילד קלאפען דיא מאשינען,
אין שאפ איז זא שמוציג, זא היים,
דער קאפ ווערט פערטומעלט, אין די אויגען ווערט פינסטער
פינסטער פון טרעהרען, פון שוויים

*

דער פארמאן לויפט ארום וויא א ווילדע חיה,
ער טרייבט צו דער שחיטה דיא שאף —
אה, ווי לאנג וועט איהר ווארטען, ווי לאנג וועט איהר דולדען
ארבייטער ברידער, וואכט אויף!

מערץ־בילדער.

פון שרעקליכען קאמפף, פון בלוטיגען קריעג
איז רויט דער מאנאטה מערץ,
א בלוטיגער פאל, א בלוטיגער זיעג —
עס בלוטעט דאס מענשליכע הערץ.

*

פראנקרייך! דוא שעהנעס, דוא פלאמענדעס הערץ
פון אללע רעוואלוציאנען,
מיט דיין מוטה איז געקרוינט דער מאנאטה מערץ
עס הילכט מיט דיינע קאנאנען.

*

פאריזער קאמונע! דיין געטליכעס בילד
רופט פיר דיא טוידטע נאך ראכע,
און זינד דיא טיראנען נאך זא ווילד,
דאך לעבט דיין הייליגע זאכע.

*

עס לעבט דיין פרייער, דיין הייליגער גייסט
פיר נייע בליהענדע דורות,
צושמעטערט דיא קערקערס, דיא קייטען צורייסט,
און ברייננט אונז ערקוויקענדע פירות.

*

און עס וועט נאך קומען א געוואלדיגער מערץ —
דיא מענשהייט קען איהם ניט פערמיידען,
ווען דאס בעפרייטע, דאס מענשליכע הערץ
בעצאהלט פיר זיין עוויגעס ליידען.

*

עס פאלען נאך פיעלע, נאך פיעלע קרבנות
אין קאמפף פיר פרייהייט און רעכט,
און זא וויא דער הערשער האט יעצט קיין רחמנות
וועט אויך איהם ניט וויסען דער קנעכט.

*

דאך וועט אם ענדע גערעכטיגקייט זיעגען,
פערגעסען ווערט פולווער און בליי,
פערגעסען דיא בלוטיגע, שענדליכע קריעגען —
דער מענש וועט זיין מענשליך און פריי...

דער 13טער מערץ.

רוססלאנד ! אונגליקליכעס, פינסטערעס לאנד
פון עוויגען טרויער און שמערץ,
דעם טיראן האט געשטירצט דיין מעכטיגע האנד,
אין דעם רויטען מאנאט מערץ.

*

מיט א שענדליכען טוידט איז געפאלען דיין הענקער,
און דיא ירושה צום זאהן,
וואר מארד פיר פרייע קעמפפער און דענקער,
פיר אללע פיינדע פון בלוטיגען טהראן.

*

רוסישע קעמפפער פיר ליעבע און פרייהייט,
ווער האט אין קאמפף פיר זיין פאלק
געצייגט זא פיעל אייזערנעם מוטה, זא פיעל טרייהייט,
ווער וואר זא געקוועלט און פערפאלגט.

*

זייער בלוט ווערט געטרונקען פון יעדען וואמפיר,
מען פערשטיקט זייער ווארט און געשריי,
אין שווארצען קערקער, אין וויסטען סיביר,
געמאטערט, בעגראבען אין שניי...

*

דאך פרייהייט פערניכטען מיט דעם עשאפאט
איז, טיראנען! א ביטערער טעות —
עס קלאפט שוין אין טהיר צום צאר אידיאט
דער בלוטיגער מלאך המות.

*

און ניט עוויג בלייבט רוסלאנד אהן פרייהייט און רעכט,
דיא מענשהייט וועט נאך זעהען
וויא עס בעפרייט זיך דער רוסישער קנעכט,
און דיא פרייע פאהנע וועהען.

*

ברידער און שוועסטער! דעם דיכטערס פערלאנגען,
איז א שעהנער, א בליהענדער מערץ,
אהן בלוטיגען קאמפף, מיט דיא זיסע געזאנגען,
וואס ערפרייען דאס מענשליכע הערץ.

*

א בליהענדער מערץ מיט ליעבע און פריעדע
מיט בלומען און זאנגענשיין,
וואו אללע מענשען גליכליך, צופריעדען
א פרייע פאמיליע זיין...

פון היינע.

(פריי בעארבייטעט.

איך געדענק דיא שטונדע זיסע,
וועןְ דוא ביזט צו מיר געקומען
און האסט אין מיין קליינער תפיסה
מיט געבראכט מאיאווע בלומען.

*

שעהנע, רייצענדע פרינצעסען,
דוא אליין האסט דעם פאעט
אין זיין עלענד ניט פערגעסען
קרוינען מיט א מאי בוקעט.

*

לאנג איז שוין דיין בלום געשטארבען
דאך איהר פארב, איהר רויטעס פארב
האט דיא צייט נאך ניט פערדארבען
און זיא לעבט אויך ווען איך שטארב.

*

דיא בלאסע וואסער ליליע
טרוימט ביי דעם בלויען מעער,
דער מאנד קוקט פון דעם הימעל ארונטער
און קושט איהר פערל־טרעהר.

*

פערשעמט לאזט זיא איהר קעפּזל
אראפּ צום אקעאן,
און ביי איהרע פים זעהט זיא ליעגען
דעם הימלישען דאן זשואן.

*

ווען איך הייראטה וועל איך שטרעבען,
אז מיין פרוי זאל פּראכטפאל לעבען,
וואס זיא וועט ניט טהאן, ניט זאגען
וועל איך העפליך איבערטראגען.

*

דאך, ווען זיא וועט זיך ערלויבען
מיינע ווערק אמאל ניט לויבען,
מיך ניט קריינען אלס פּאעט
רוף איך תיכף זיא צום גט.

אויפ'ן שלאכט פעלד.

עס שרעקען מיר ניט מיינע טרעהרען און וואונדען
איך שטעה פון קינדהייט אין שטורמווינד,
דאך, שיקזאל, דוא האסט מיך דיא הענד געבונדען,
דוא האסט מיך בערויבט מיין פעדער אצינד.

דוא האסט מיר מיין איינציגע וואפע ענטריסען,
און וויא א פערוואונדעטער זעלנער אין פעלד,
ליעג איך יעצט עלענד, און זעה מיין בלוט פליסען,
שטיל אויף מיין אלטע, צובראכענע שווערד.

איך ליעג און הער, וויא דיא וואפען קלינגען,
עס שוועבען דיא פאהנען אין בלוטיגען דאמפף,
מיין הערץ רייסט זיך, אה! ווער קען מיר צווינגען,
ניט ווארפען זיך אויף דאס ניי אין קאמפף?

אה, ניין! איך מוז זיך ווידער שטעלען
אויף מיין אלטען פאסט און מיט'ן שווערד אין האנד
בעגייסטערען דיא רויטע רעבעלען
צום בלוטיגען קריעג געגען שקלאפען שאנד.

דער רויטער זעגעל.

איך זעה א רויטען זעגעל
מיט זילבערנעם שוים בעשפריצט,
ער לויפט צווישען שטורמישע וועללען,
עס קראכט, עס דונערט און בליצט.

אונטער דעם רויטען זעגעל
זעה איך א פראלעטאר,
מיט זיין אייזערנע האנד אויף דעם רודער
שטעהט ער שטאלץ אין געפאהר.

איהם שרעקט ניט דער ווילדער שטורעם,
איהם שרעקט ניט דער פעלזען־שטיין,
ער טרעפט מיט זיין פייל אין דיא בוואים
וואס קריצען אויף איהם מיט דיא צייהן.

זיין גייסטיגער בליק איז געריכטעט
אויף דעם אינזעל וואס „פרייהייט" הייסט,—
אהין, וואו דער מענש וועט געפינען
זיין גליק, זיין ליעבע, זיין טרייסט.

און ווען טויזענדע פעלזען און שטורמען
בעגעגענען איהם אויף זיין וועג,
מיט זיין ברוסט אויף דעם רויטען זעגעל
וועט ער ערדרייכען דעם ברעג.

ער וועט ערדרייכען דעם אינזעל
פון פרייהייט, פון מענשענגליק,
און אויף'ן בעזיעגטען שטורעם,
ווארפען מיט שטאלץ זיין בליק.

פארוועררטס מיין רויטער זעגעל!
דיא ווארהייט איז דיין פאסאזשיר,
פיראטען, שטורמען און פעלזען
אללעם בעזיעגסט דוא מיט איהר.

פארוועררטס פראלעטאריער!
דו האסט נאך טויזענדע פריינד,
מיט דיין אייזערנער האנד אויף דעם רודער
וועסט דוא בעזיעגען דיין פיינד.

———

„איין אלטע געשיכטע".

איך האב זיא בעמערקט ביי א גאז לאנטערן
זיא איז געוועזן א יאהר זיבעצעהן אלט,
שווארצע אויגען, א שניי־ווייסער שטערן,
צו ווארפענע לאקען, א שלאנקע געשטאלט.

נור איהר טואלעט איז ארעם געוועזען,
און אויף איהר געזיכט, געפארבט ווייס און רויט,—
האב איך מיט ביטערען טרויער געלעזען,
קויף מיך! איך הונגער, איך האב ניט קיין ברויט.

עס האבען געראלט פערביי אונז קארעטען
מיט רייכע דאמען, געשיינט האבען זיי
אין זיידענע קליידער, אין טהייערע העטען,
אין פוטער ווייס, וויא געפאלענער שניי.

איך האב בעטראכט מיט ברענענדען צארן
דיא רייכע הורען מיט דעם טיטעל „ווייב"
און דיא, וואס איז אויף דער סטריט געפראהרען
געצוואונגען דורך הונגער פערקויפען איהר לייב.

מיין הערץ האט געשטורמט... דאך פלוצלונג אה געטער
וואס זעה איך? דעם אפפער פון הונגער און שאנד
האט א פאליסמאן, א געזעלשאפטס־רעטער
געכאפט... זיא ציטערט אין זיין פרעכער האנד.

זיא בעט זיך ביי איהם, זיא בעגיסט זיך מיט טרעהרען,
זיא פאלט אויף דיא קניע פיר דעם העלד פון „געזעץ",
ער בלייבט קאלט וויא שטיין—דער אונמענש איז געררן
ווען אן ארעמער פיש פאלט אריין אין זיין נעץ.

אט קלינגט שוין און קומט דער שענדליכער וואגען
פיעל נייגעריגע שטעלען זיך אפ...
מען הערט דיא עלענדע וויינען און קלאגען,
מען זעהט, וויא זיא רייסט זיך דיא האר פון קאפ.

און אט איז דער וואגען און מענשען פערשוואונדען...
אן אלטע געשיכטע, אן אלטע, ניט וואהר?
און דאך זיא ערגרייפט מיך מיט ברענענדע וואונדען
און איך ווין וויא א קינד, איך אלטער נאר.

דער אבענד גלאק.

(פריי נאך נארסאן)

אה, מוזע, רוף מיך נים, מים דיינע צויבער פינגער,
וועק נים דיא סטרונעס פון מיין קראנקעס הערץ!
פער׳משפט איז צום טוידט דיין בלאסער זינגער,
צו ענדע איז דאס ליעד פון קאמפף און שמערץ.

*

זיין וועג איז זעהר שווער, ער האט אויף איהם בעגעגענט
דערנער, שטיינער, פערלײמדונג, הונגער, קעלט,—
עס האט געבליצט, געדונערט און גערעגענט—
און ער האט ארעמלאז געוואנדערט אויף דער וועלט.

*

יעצט קלאפט דער טוידט אין זיין לעבענס־קאמער
ער זאגט: צו ענדע איז דיין ארבייטס טאג,
פארלעש דיין פייער, לייג אוועק דיין האמער,
קום! דוא הערסט?... עס קלינגט דער אבענד־גלאק.

*

עס קלינגט דער אבענד־גלאק, יא, איך הער איהם קלינגען
מיין טאדעס אורטהייל הער איך אין זיין קלאנג,
און לעבען ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפפען געגען יעדען שקלאפען־צוואנג...

*

איך וואלט געוואלט, אה, פאלק! דיין רויטען זעגעל
נאך מאכען רויטער מיט מיין הערצענס בלוט...
און, וויא א לייב מיט זיינע שארפע נעגעל,
דיין פיינד בעקעמפפען מיט שטאלצען העלדענמוטה.

*

דאך, וואס נוצען דיא היילינסטע פערלאנגען?
צו ענדע איז מיין לעבענס שטורם־טאג! —
צו ענדע — טרוימען, טרעהרען און געזאנגען,
ער רופט דער טוידט, עס שלאגט דער אבענד־גלאק.

אויגוסט שפיעז.

רוהיג און שטאלץ וויא דער גרויסער סאקראט
איז ער אויף דעם גאלגאן געשטאנען,
זיין יעדעס ווארט וואר א הייליגע טהאט,
א טוידטשלאג פיר ווילדע טיראנען!

זעלטען האט זיך העלדיש העכער
ערהויבען א מענשליכער גייסט!
בלאס ווארן העגקער, בלייך דיא פערברעכער,
ער–אונערשראקען און דרייסט!

פון שרעקליכען גאלגאן וויא פון א טריבונע,
וויא א בעגייסטערטער פראפעט
האט ער מיט דעם פייער דער שטאלצער קאמונע
צו זיינע מערדער גערעדט:

„עס וועט קומען א צייט, ווען פון אונזערע זארגען
„וועט זיך ערהויבען א מעכטיגער קול,
„שטארקער פון דעם, וואס איהר ווילט יעצט ערווארגען,
„מעכטיגער, שלאגענדער טויזענדער מאהל!"

דאס ווארען דיא לעצטע ווערטער פון שפיעז...
הענקער, וואס האט איהר דערפון?
האט איהר פערניכטעט דעם גייסטיגען ריעז?
האט איהר פערלאשען דיא זוהן?

אה, ניין! מארטירער לעבען—און דער זינגער
פיהלט יעצט זיין פרייעס געמיהט:
ער בעריהרט יעצט זיין הארפע מיט הייליגע פינגער,
ער זינגט מיר דאס הייליגע ליעד!

און איך זעה דיא זוהן ברעכט דורך דיא טומאנען,
דיא פינסטערנים געהט צום גרונד,—
דער שקלאף וואכט אויף! ציטערט, טיראנען,
עס שלאגט אייער לעצטע שטונד!

עס קומט דער פרייער ליכטיגער מארגען,
ווען עס וועט זיך ערהויבען א מעכטיגער קול—
שטארקער פון דעם, וואס איהר האט יעצט ערווארגען,
מעכטיגער, שלאגענדער טויזענדער מאל!...

דער „11" אין דער פרעמד.

ווייט האט מיך דער שטורם פערטראגען
פון אייך, מיינע ברידער—וואס וועל איך יעצט טהאן?
מיט וועמען וועל איך דעם „11טען" טראגען
אונזער בלוטיגע טרויער פאהן?

*

איך זעה ארום זיך נור קאלטע געזיכטער,
ברואים, וואס וייסען נור ביזנעס און געלד,
וואס געהען זיי אן דיא שטערען, דיא ליכטער,
וואס האבען בעלייכטעט דיא שקלאפען־וועלט.

*

וואס וייסען זיי פון פרייהייטס מארטירער?
איז דען ניט פריי דאס שווינדעל—ווארט?
וואס הארט דען דיא רויבער, שופטען, פערפיהרער
דאס בלוט פון א פינפפאכען ברודער־מארד?

*

ניט אין א גלענצענדען פרייהייטס טעמפעל
ניט דארט, וואו דאס פאלק ערשיינט אין זיין מאכט,
אין א ארעמען רום, פאר דער צאנקענדער לעמפעל
וועל איך פארברענגען דיא בלוטיגע נאכט.

*

עס וועלען שוועבען פאר מיר דיא געשטאלטען
פון דיא, וואס האבען דעם מוטה געהאט—
זאנענהויך זייער פאהנע צו האלטען,
און שטערבען פיר דאס פראלעטאריאט.

*

און דער דורסט נאך קריעג, און דער גליהענדער פייער
פון ראבע ערוועקט זיך אין מיר אויף דאס ניי,
וואו זייט איהר העלדען? וואו זייט איהר בעפרייער!
וואס לאזט איהר געוועלטיגען דיא טיראניי!

*

שקלאפען־מוזיק און שקלאפען פאראדען
דאס העלפט וויא פאראיאהריגער שניי,
האט איהר פערגעסען דיא שלאכט באריקאדען,
באמבען און שווערדען! דערמאנט זיך אן זיי!

*

דערמאנט זיך אן זיי און וויא מענער, וויא העלדען
הויבט אויף געגען פיינד אייער שווערד און שפיעז,
און לאזען דיא גלאקען קלינגען און מעלדען,
אז פריי איז דער מענש אין זיין פאראדיז.

אנארכיע.

א וועלט אהן הערשער, אהן קייטען, אהן טרעהרען,
א וועלט פון ליעבע און הארמאניע,
וואו איינעמס גליק וועט דעם צווייטענס ניט שטערען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו קיינער וועט ניט רעגיערען
איבער דעם אנדערנס ארבייט און מיהע,
פריי וועט זיין יעדעם הערץ און געהירען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו פרייהייט וועט יעדען בעגליקען,
דעם שוואכען און שטארקען, דעם „ער" און „זיא"
דיינס" און „מיינס" וועט קיינעם ניט דריקען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו ליעבע וועט ניט וויסען
פון שענדליכען האנדעל, ניין, פריי וועט זיא
אויף א ליעבענדע ברוסט איהר גליק געניעסען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו קירכען און סינאגאגען
וועט מען פערוואנדלען אין שטאהלען פאר פיה,
יעדען גאלגאן און קערקער אויף שטיקלאך צוטראגען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו דער פרייער גייסט וועט צובּרעכען
דעם פינסטערען טהורעם דער טהעאלאגיע,
פערניכטען דיא קערנער פון אללע פערבּרעכען,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו דער בּיקס, דער הארמאט און קריין,
אללע בּלוטיגע צייכענס דער מאנארכיע
וועלען נור אין מוזעאום שטיין,—
דאס איז אנארכיע!

א וועלט וואו זאנען־הויך וועט זיך ערהויבּען
קונסט, וויסענשאפט, אינדוסטריע,
א וועלט פון וויסען—ניט פון גלויבּען,—
דאס איז אנארכיע!

געשעצט וועט זיין יעדעס מענשליכעס וועזען,
וויא דיא גאנצע מענשהייט, הייליג וויא זיא,
פרייהייט וועט אללעס ערקוויקען, ערלעזען,—
דאס איז אנארכיע!

צוויי דיכטער.

(פריי נאך נעקראסאוו).

וויא גליקליך איז דער זיסער דיכטער
וואס האט פיעל האניג, וויניג גאל,
זיין וועג בעלייכטען ליעבונגס־ליכטער,
מען פלעכט איהם קרענצע איבעראל.

ער איז אלזייטיג, מיט פרינציפען
פערבינדט זיך ניט דער פרייער העלד,
און שמייכלענד שטעלט ער אוים דיא ליפען
צו אללע אבגעטער דער וועלט.

מען לויבט זיין גייסט פון אללע זייטען,
דער ארטהאדאקס און ליבעראל—
ער גלייכט מיט קיינעם ניט צו שטרייטען
און זינגט זיך וויא א נאכטיגאל.

זיין יעדעס ווארט, זיין יעדעס שטרעבען
איז פיר דער וועלט א קאמפלימענט,
דיא ברידער דענקען שוין ביין לעבען
איהם צו שטעלען א מאנומענט.

* * *

דאך ביטער, טראגיש איז דער לעבען
פון דעם פאעט, וואס האט זיין הערץ
דיא אונטערדריקטע אבגעגעבען,
און טראגט אין ברוסט א ים פון שמערץ.

ער בליצט און דונערט מיט זיין הארפע,
פיר אללע פיינד פון ארימען פאלק,
דיא ווארהייט נאקעטע און שארפע
וואס ווערט פערלוימדעט און פערפאלגט.

פון פאראזיטען פון דיא רייכע שלאנגען
ער בליצט מיט פלאם, מיט זאנענליכט
און ס'זינגט פיר זיי קיין לויבגעזאנגען,
זיין העלדיש, מעכטיגעס געדיכט.

זיין יעדעס ליעד, זיין יעדער שורה,
איז פול מיט גיפט פיר טיראניי,
ער ווארפט דיא שווינדלער גלייך אין צורה,
דיא ווארהייטס קאכעדיגע בליי.

ער רייסט אראפ אהן פורכט דיא מאסקע
פון יעדען פאלשען היפאקראט,
ער קעמפפט און זוכט ניט קיינעם'ס לאסקע,
ער זוכט קיין שבירות פיר זיין טהאט.

ער טראגט מיט שטאלץ זיין שווערד און פאהנע
ער קוקט ניט לינקס, ער קוקט ניט רעכטס,
ער קוקט נור פארווערטס צו דער זאהנע
און זיא אליין נור הערט זיין קרעכטץ.

זיין מוזע קען ניט שמייכלען, גלאנצען,
מיט בלוט און גאל איז פול זיין טינט,
אהן פריינד, אין ריינע בלומענקראנצען
שטעהט ער אליין אין שטורם־ווינד.

דיא ווארהייט וועט אם ענדע זיעגען,
דיא פינסטערניס וועט אונטערגעהן—
און ווען ער וועט אין קבר ליעגען
נור דאמאלס וועט דיא וועלט פערשטעהן.

מיט וואס פיר ליעבע, ערנסט, אכטונג
ער האט געדיענט דער פרייהייטס פאהן,
וויא ער האט געליעבט אין זיין פעראכטונג
און וויא פיעל גוטס ער האט געטהאן.

דיא פרייהייטס־געטטין.

יונגע קעמפפער, אין פרייהייטס קריעג,
האלט פעסט דעם באננער דער ווארהייט!
ניט לאזט זיך פערבלענדען פון א לייכטען זיעג.
וואס פיהרט ניט צוווירקליכע פרייהייט!

*

ניט לאזט זיך נאררען פון קנאק־ראקעטען
דער שמייכלענדער פאליטיק!
ניט פון רייכסטאג קומט דיא פרייהייטס געטטין,
ניט אין שטימקאסטען ליגט אונזער גליק.

*

איהר זעהט אט יענע פינסטערע גריבער
וואו עס הערשט פערצווייפלונג און שמערץ,
וואו אייפעלעך שטארבען אין הונגער־פיבער
אויף דער בלוטענדער מוטער הערץ.

*

וואוהין דיא זון קומט נימאלס אריין
מיט איהרע ליכטיגע שטראהלען,
עס קלינגט קיין מוזיק, עס פינקעלט קיין וויין
אין גאלדענע באקאלען.

*

וואו דער וואס בויט דעם רייכען פּאלאסט
פיהרט דורך דיא אייזענבּאהנען,
בּלוטעט אונטער דעם שווערען לאסט,
פון אויסבּייטער און טיראנען.

*

וואו קיינער האלט ניט קיין גלענצענדע רעדעס
פון פערשימעלטע פּאליטיק,
וואו דיא נאסע ווענט זיינען דיא עדות–
פון א בּיטערען לעבּענסקריעג.

*

וואו אויגען זיינען אין טרעהרען פערשוואומען,
און מיט בּלוט איז בּעפלעקט דיא ערד —
אט פון דארט ועט דיא פרייהייטס געטטין קומען,
מיט איהר הייליגען פלאמענדען שווערד.

*

זיא וועט קומען אויף דעם געשריי פון קרבּנות,
דער בּלוטיגער טיראניי.
זיא וועט קומען געפאלגט פון יונגע אלמנות
און יתומים דער שקלאפעריי.

*

זיא וועט קומען צו רעטען דיא עלענדע, שוואכע
פון דעם אויסבּייטערס אייזערנע רוט!
זיא וועט קומען נעהמען גערעכטיגע ראכע
פיר יעדען טראפּען ארבּייטער בּלוט.

*

זיא וועט פעראייניגען אללע נאציאנען
מיט איהר זיסען, הייליגען קוש,
אויף דיא צושמעטערטע קייטען און טהראנען,
וועט רוהען איהר אייזערנע פוס.

* * *

און איך שווער, זיא וועט אויף עוויג בעגראבען,
דיא פערפעסטעטע קירכע און שטאאט,
און נור ד א ן וועסטו ווירקליכע פרייהייט האבען,
פערשקלאפטער פראלעטאריאט!

דער וואמפיר
און דיא קנעכט.

קוקט איהם נור אן, דעם פעטען, דעם ברייטען,
וואמפיר פון מענשען בלוט!
וואס שמידט זיינע ברידער דיא הענד און קייטען
אום צו רייטען אויף זיי גוט!

*

זעהט וויא ער זיצט מיט א זיסען שמייכעל
און קלערט זיך: „איך הער אייך אין טראק!
זא לאנג, וויא דאס פאלק האט ניט קיין שכל
לעב איך א גוטען טאג״!—

*

זא לאנג איהר זייט פערד, וועל איך אויף אייך רייטען
און שינדען דיא הויט פון אייך פריי!
און וועט איהר אנפאנגען בריקעווען, שטרייטען,
דאן רוף איך דיא פאליציי!

*

וואס שרעקט מיך אייער יוניאן—מלחמה?
אם ענדע בלייב איך דאך באס!
נאראנים! איהר נעהמט פון אונז נקמה?
מיט וואס?... מיט א שנעל אין נאז?—

*

פאר איינס נור ציטערען מיר, וויא פאר פייער:
דאס איז,—פאר דיא אנארכיסטען!
ביי זיי איז דאך גאר דער לעבען ניט טהייער,
אבי נור אונז צו פארוויסטען!

*

לעז א מאל זייערע א בלאט,
איהר ווייסט, וואס זיי זאגען דעם עולם?
„ווילט איהר זיין פריי, דאן שיקט אוועק באלד
אללע רויבערס אויפ'ן בית עולם!"

*

וואלטען זיי נור גערעדט... אבער ליידער
קענען זיי אויך אמאל טהאן,—
זיי גיבען א מאל א באמבע א שליידער,
אז עס ציטערט מיין שקלאפען טהראן!

*

מיר האבען שוין מיליאנען פארלארען
אום זיי צו מאכען א ביסעלע קאלט...
אבער היינגט מען פינף, ווערען געבארען
טויזענדע אנדערע באלד!

*

איך פיהל, אז עס קומען שלעכטע צייטען!
איך וועל ניט קענען מעהר
פרעסען און זויפען, און רוהיג זיך רייטען
אויף טויזענדע קנעכט וויא א הערר!

*

נור זא לאנג וויא דאס פאלק האט נאך קיין שׂכל
צו פאדערען מענשענרעכט,
„קען איך מיר רוהיג מיט א זיסען שמייכעל
רייטען אויף דומע קנעכט״.—

*

און דיא קנעכט? זיי פיהלען, אז א שווערע מאסע
דריקט זיי און שלעפט צו דער ערד,
עס גיסט זיך שוויים פון דיא פנימ׳ער בלאסע,—
זיי קרעכצען און... שלעפען וויא פערד!

*

זיי פאנגען אן אמאל בריקעווען, שרייען,
זיי ווילען מעהר האבער און גראז...
און וויא מען גיט זיי א ביסעל צו קייען,
לעקען זיי ווידער דעם באס.—

*

עס גיבט אויך אזוינע, וואס בייסען דיא לייצעס
און פיהלען א פרייעס געמיטה,
און ווילען ניט טראגען אויף זייערע פלייצעס
יעדען רויבער און פאראזיט.—

*

דיעזע בילדען יעצט מעכטיגע רייהען
פון קעמפפער פיר פרייהייט און רעכט —
און דיא צייט איז ניט ווייט, ווען זיי וועלען בעפרייען
דיא ליידענדע שמאכטענדע קנעכט!

*

דיא צייט איז ניט ווייט, ווען מיר וועלען ניט וויסען
פון קייטען, פון טרעהרען, פון נויטה,
און יעדער מענשענקינד וועט געניסען
פרייהייט, ליעבע און פרייד!

*

דאך ברידער, זא לאנג איהר זייט נאך שקלאפען,
פערגעסט ניט אייער פפליכט!
און גרייפט צו דיא הייליגע מעכטיגע וואפען,
וואס פיהרען צו פרייהייט, צור ליכט!

IN MEMORIAM.

צום אנדענקען, ק. גאללאפ'ס.

מיר האבען זיך ניעמאלס פערזענליך געקענט,
דאך האב איך געשפירט אין זיין ווארט און זיין לעהרע,
א הייליגען פייער, וואס האט העלל געברענט—
מיט האס און מיט ליעבע, מיט שטאלץ און מיט עהרע.

ער איז ניט געוועזען קיין „מגיד", קיין „שרייער",
ער האט ניט געפעדעלט מיט זיין אידעאל,
ער וואר פיר דאס פאלק אן ארבייטער טרייער,
אין דער שקלאפענאכט א פארווארפענער שטראהל!

א הייליגטהום וואר פיר איהם דיא אידעע,
ער האט ביז זיין לעצטען אויגענבליק—
איהר טהראן ניט בעשמעפט מיט א „גראבער מטבעה",
איהר פאהן ניט בעשמוצט מיט פאליטיק!

וויא א בלום וואס האט נאך ניט צו לאזען
דיא יונגע קנאספען, דיא ראזאווע קווייט,
האט ער דיא ליידענדע וועלט פארלאזען
רייך—מיט שמערצען, ארעם—מיט פרייד!

קיין מאנומענט וועט זיין קבר ניט קריינען,
דאך אויף ביידע ברעגען פון אקעאן—
וועט איהם מיט הייליגע טרעהרען בעוויינען
דער שקלאף, דער אידישער ארבייטס מאן!

1891

דער אלטער יאהר איז געשטארבען,
דאך איז דען ניט אלץ איינס,
ווען 90 האט זיך ערווארבען
א שפאגעל נייע איינס?

א נייעס יאהר איז געבארען,
דאך לעבט נאך דיא אלטע נויטה,
און לייכטער איז ניט געווארען
מיין אלטער שקלאפענקייט.

נורווארף איך צוריק מיינע בליקען
אויפ'ן דורכגעגאנגענעם וועג
זעה איך יעצט נייע בריקען
צו אונזערען הייליגען צוועק.

עס וואקסען איממער דיא רייהען
פון קעמפפער פיר פריידהייט און רעכט,
וואס האבען געשווארען צו בעפרייען
דיא ארעמע עלענדע קנעכט.

אלץ העכער הייבט זיך דיא פאהנע,
עם בליצט דער פרייהייט שווערד,
און העלער לייכט דיא זאננע
אויף אונזער פינסטערע ערד.

* * *

און יעדער מארגענשטערען
ברייננט נעהנטער דיא צייט,
ווען אונזער ערד וועט ווערען
פון טיראנײ בעפרייט.

דער שוויין און דער נאכטיגאל.

(א פאבעל).

א מאל איז א גרויסער, פעטער שוויין
אין א בלומען גארטען אריין.
דיא בלומען און פפלאנצען, מיט וועלכע עס ווער
דער בליהענדער גארטען בעפוצט,
האט דער חזיר, דער גראבער נארר,
מיט זיינע לאפּעס פערשמוצט.

אין יענער מינוט איז דורך געפלויגען
א נאכטיגאל דורכ'ן גארטען
און דעם שוויין, אויסגעצייגען,
האט זיא דערזעהן דארטען.

— חזיר! וויא קומסטו אין גארטען אריין?
פרעגט ער דער גראבער שוויין.
דער שוויין ענטפערט: — כרוק! כרוק!
וויא איך זעה, ביסטו, נאכטיגאל, ניט קלוג,
איך חזיר בין אהער געקומען
אום צו צייגען דיא שטאלצע בלומען,
וויא אזוי איך קען זיי בעשמוצען.—

אבער חזיר, וואס וועט דיר נוצען?
— נארעלע, ענטפערט דער גראבער שוויין,
וויא איך זעה, קענסטו קיין ריכטער ניט זיין:
דוא ווייסט ניט, אז בלומען און זאנענשיין
זיינען פערהאסט פון יעדען שוויין.—

ווארט אויס אביסעלע, נאכטיגאל,
וועסטו זעהן וויא פון איבעראל,
פון אללע אונזערע פעראיינען,
וועלען ערשיינען
דיא גרעסטע שוויינען
און וועלען א גרויסען דאנק מיר זאגען
פיר מיין חזירשען טאנץ
און אללע חזירים וועלען מיר טראגען
אלס זייער ליעבסטען קראנץ!—

איך בעדויערע דיך, דוא נארישע חיה,
ענטפערט דיא נאכטיגאל דיא פרייע,
ווען דוא וואלסט קיין שוויין ניט געווארען,
וואלסטו ניט געשמוצט דיא בלום און פפלאנץ,
דוא וואלסט פערשטאנען אין דיינע יאהרען,
אז בעסער צו זיין צווישען בלומען א דארן,
אלס צווישען חזרים א קראנץ.—

דער פערוואונדעטער אדלער.

צווישען בערג פארשנייטע,
אויף א פעלזען שטיין
זיצט א יונגער אדלער
עלענד קראנק, אליין!

און ער טרוימט: וויא גערן
מיט וואס פאר א פרייד
וואלט איך יעצט דיא פליגעל
אין דער לופט צושפרייט!

מיט דיא שטאלציע וואלקען,
מיט דיא שטערן גלייך
וואלט איך פריי אומשוועבען
אין דעם הימעל־רייך.

און דיא זון, דיא העלע
אין דעם בלויען רוים
וואלט איך האלדזען, קושען,
וויא אין א זיסען טרוים.

צו דיא ווילדע שטורמען
האב איך איטער לוסט
שטאלץ אנטקעגען פליהען
מיט מיין אדלער ברוסט.

אויבען בליצט און דונערט
אונטען רוישט דער מעער,
דען פיר פרייע פליגעל
איז דער וועג ניט שווער!

דורך דיא שטורם וואלקען,
בליץ און דאנערקראך
טראגט זיך דורך דער אדלער
מיט א שטאלצען לאך.

דאך עס איז פארשוואונדען
יענע צייט... און יעצט
צווישען בערג פארשנייטע
זיץ איך קראנק פערלעצט...

מיט אן אומעט קוק איך
צו דער זון ארוף,
דאך דיא קראנקע פליגעל
הייבען ניט דעם גוף.

איך צאפּעל זיך, איך ריים זיך...
איך שריי, איך פלוך... איך וויין...
ביז איך בלייב אין אונמאכט
ליעגען אויף מיין שטיין!

אך! ווער קען מיר זאגען,
אויב איך וועל אמאל
ווידער פריי ארומשוועבען
איבער בערג און טהאל!

טראגען זיך דורך שטורם
שטאלץ צום זאנענשיין,
צווישען פרייע אדלער
א פרייער אדלער זיין!

. . . .

קיינער גיט קיין ענטפער...
איינגעהילט אין שניי
שלאפען דיא געבירגע,
מיין שמערץ—וואס קימערט זיי?

וואו זייט איהר ברידער—אדלער?
דיא וואלקען זיינען שווארץ...
און אך, וויא ווילד עס רייסט זיך
צו אייך מיין קראנקע הארץ!

1789

1.

איך ליעב דיך, פראנקרייך! איך ליעב דיך, פאריז!
איך ליעב דיך, בעגייסטערטער, קעמפפענדער ריעז
מיט דיין רויטען פאנצער און שארפען שפיעז,
איך ליעב דיך, פאלקס־בעפרייער!

2.

איך ליעב דיין העלד, דעם גרויסען מאראט,
דעם אונערשראקענעם פרייהייטס סאלדאט,
זיין יעדעס ווארט איז א העלדענטהאט,
זיין יעדער שריט איז פייער!

3.

פון יאהרהונדערט צו יאהרהונדערט
הער איך, וויא עס קלינגט און דונערט,
פון דער גאנצער וועלט בעוואונדערט,
פראנקרייך, דיין שטורם גלאק.

4.

עס קלינגט, עס רופט אויף אללע שפראכען
צו יעדען פערוואגעלטען, ארעמען, שוואכען:
—„ליידענדער קנעכט, שוין צייט צו ערוואכען,
עס דעמערט דער פרייהייטס־טאג!“

5.

„טוה אן דיין פאנצער, הויב אויף דיין פאהן!
פערניכטע דעם קעניג, צושמעטער דעם **טהראן**!
זיעגען מוז דיא רעוואלוציאן!
ארבייטער־פאלק, צו דיא וואפפען!"

6.

„מיר ווילען ניט קענען קיין אויטאריטען,
וואס רויבען אונז, מארדען אונז, דריקען און טרעטען,
מיר ווילען קיין גאט און קיין טייוועל ניט בעטען,
מיר ווילען ניט מעהר זיין קיין שקלאפפען!"

7.

„מיר ווילען זיין, וויא דיא אדלער פריי!
מיר ווילען געניסען דעם לעבענס מאי!
ציטער, דוא בלוטיגע טיראנײ:
עס קומט דער ראכע טאג!"

8.

זא הער איך, וויא עס קלינגט און דונערט
פון יאהרהונדערט צו יאהרהונדערט,
פון דער גאנצער וועלט בעוואונדערט,
פרייהייט, דיין שטורמגלאק!

א וויסענשאפטליכער מארד.

דיא מענשען זיינען וואונדערבאר,
פון געטטער שטעהען זיי העכער,
זיי האבען מיטלייד יעצט זאגאר
מיט מערדער און פערברעכער.

*

מען פלעגט ביז יעצט פערברעכער טוידטען
דורך פולווער, שטריק און שווערד,
מען פלעגט זיי מאטערען אין קייטען
אין א פינסטערען געצעלט.

*

דאך יעצט טהוט וויסענשאפט פערברייטען
ליכט, הומאניטעט,
מיר וועלען יעצט גאנץ עדעל טוידטען
דורך עלעקטריציטעט.

*

דאס הייסט א וועלט פון לעהרנער, דענקער,
ניט אינקוויזיטארען,
א נײן! ביי אונז זינד אויך דיא הענקער
וואהרע פראפעסארען.

*

אט האב איך יעצט אין בלאט געלעזען,
מען האט „עלעקטריזירט"
א מאן, וואס איז זא ווילד געוועזען
זא אונציוויליזירט.—

*

אום מיט א האק זיין פרוי צו מארדען,
און אט האבען דערפאר —
ריכטער וויסענשאפטליכע לארדען
ערמארדעט דיעזען נאר.

*

דאך וויא ערמארדעט, וויסענשאפטליך,
אנשטענדיג, סאליד,
ניט היטציג און ניט ליידענשאפטליך,
קאלטבלוטיג, טריט ביי טריט.

*

זיי האבען געמאכט א קליינעם טעות,
און דאך גערעכענט גוט,
ער האט פערזאמט דער מלאך המות
אויף עטליכע מינוט.

*

זיי האבען שוין דעם ארימען קרבן
פון „טוידטען טשער” בעפרייט,
און ער... ער איז נאך ניט געשטארבען...
ער צאפּעלט זיך... ער שרייט.

*

דאס האט ערשטוינט דיא פּראפעסארען,
דיא הענקער אין דיא „פּרעק”,
זיי זיינען פּלוצלונג בלאס געווארען,
גע'חלשט דארט פון שרעק.

*

„ער לעבט! ער לעבט! אה, שלעפּט איהם ווייטער
צו דעם טוידטען טשער!”
זא האט געשריען א געשייטער,
וויסענשאפטליכער הערר.

*

דיא פּראפעסארען שטעהען אונשולדיג...
ער לעבט נאך... ער איז הייס,
עס פליהען פונקען... פּלאצען גליעדער,
עס ברענט אויף איהם דאס פלייש.

*

דיא פּראָפעסאָרען שטעהען אונשולדיג...
מיט וואַטשעס אין דיא הענד,
און ערוואַרטען אונגעדולדיג
דעם אונגליקליכען'ס ענד.

*

דאַן וועט מען איהם אַנאַטאָמירען,
אום וויסען, וויא פיעל צייט
עס נעהמט מיט דעם עלעקטריזירען
ערמאָרדען אָרעמע לייט.

*

וואָס זיינען ביי דיא רייכע לאָרדען
אונוויסענהייט און נויטה, —
געטריבען צו רויבען און מאָרדען
פיר דאָס שטיקעל ברויט.

*

דאָס הייסט פּראָגרעס!...

יציאת מצרים:

אין דעם לאנד דער פּיראמידען
וואר א קעניג בּייז און שלעכט,
און עס וואר אללע אידען
זיינע דינער, זיינע קנעכט.

שווער האט זיי געפּלאגט דער קעניג,
ליידען האט דאס פאלק געמוזט,
ווייל עס האט פערשטאנען ווייניג—
ווייניג מוטה וואר אין זיין ברוסט.

קנעטען ליים און שלעפּען ציגעל,
בּויען שלעסער הויך און רייך—
בּיז דעם קבר פון זיין וויגעל
וואר דער קנעכט צו הונדע גלייך.

קינדער האט מען דאן פערמויערט,
ווען א ציגעל האט געפעהלט,—
און ווער וויס, וויא לאנג עס דויערט
דיעזע וויסטע שקלאפען וועלט.

ווען אין לאנד דער פיראמידען
זאל ניט זיין א שטארקער העלד,
וועלכער האט געקעמפפט פיר אידען
מיט זיין חכמה און זיין שווערד.

און אויך דיעזער העלד ווער איינער
פון דיא פרייע מענשען־דענקער,
וואס דיא וועלט פארווארפט מיט שטיינער
אדער גיט זיי אב צו הענקער —

יאגט און קוועלט זיי, ווייל זיי טהוען
פיר דיא מענשהייט גרויסע טובות,
און ווען זיי אין קבר רוהען,
שטעלט דיא וועלט פיר זיי מצבות.

דיעזער העלד האט אויך פערשטאנען,
אז דאס פאלק וועט לעבען שלעכט,
ביז עס הערשען נאך טיראנען,
ביז עס גיבט נאך הערר און קנעכט.

דאס דער מענש איז אונצופריעדען,
ווייל ער שלעפט דיא קייטען נאך,—
און ער האט בעפרייט דיא אידען
פון דעם וויסטען שקלאפען יאך.

צו א לאנד פון זיסע פרייהייט

האט ער דאן זיין פאלק געבראכט,
ביז זיין לעצטען טאג מיט טרייהייט
זיין געליעבטעס פאלק בעוואכט.

און עס זינד פאראיבער, ברידער,
מיליאנען טעג און נעכט.
און יעצט, אידען, זייט איהר ווידער
פרעה׳ס דיענער, פרעה׳ס קנעכט.

פאלק! ווער וועט דיך יעצט בעפרייען,
וואו איז ער, דיין בראווער העלד?
אויף דיין ווינען, אויף דיין שרייען,
ווער וועט ציהען יעצט זיין שווערד?

ווער וועט יעצט דיין ים צושפאלטען
פול מיט טרעהרען, בלוט און שמערצען,
און פון שטורם דיך בעהאלטען
אין דעם הימעל פון זיין הערצען?

ווען דוא ווילסט קיין קייטען טראגען,
פאלק, זיי זעבסט דיין פרייער העלד!
ניט נור מענשען, שטיינער קלאגען
אין דער וויסטער שקלאפען וועלט.

אללע שקלאפען זינד יעצט ברידער—
רייכט זיך ברידערליך די הענד,
שטירצט די ווילדע פרעה'ס ניעדער
און פון קנעכטשאפט מאכט איין ענד!

דאן א פסח גאר א נייער
קומט מיט פרייהייט, מיט ערפאלג,
און זיין אנדענק ווערט זיין טהייער,
וויל דער העלד וואר זעלבסט דאס פאלק.

דיא צוויי־פיסיגע חיה.

זאגט מיר וואו בין איך, איך זעה ניט קיין מענשען,
צוויי־פיסיגע חיה'לעך לויפען ארום...
ניטא וואס צו ליעבען, ניטא וואס צו בענשען,
דיא וועלט איז זא העסליך, דיא וועלט איז זא דום.

*

קוק, וויא מען רויבט דיינע שוועסטער אוןברידער,
קוק, וויא מען טרייבט זיי צו זעלבסטמארד און מארד,
מען צאפט זיי דאס בלוט, מען האקט זיי דיא גלידער—
קוק, שלינג דיא טרעהרען... און זאג ניט קיין ווארט.

*

און זאגסטו א ווארט, ווילסט זיין א גוטער,
פערטהיידיגען דעם שוואכען אין קריעג,
דאן זאג „גוד באי" צו דיין אלטינקער מוטער,
צו דיין פרוי און קינד... דוא קומסט ניט צוריק.

*

דוא קומסט ניט צוריק, אויף דיר ווארט שוין דער הענקער
צו פיהרען דיך אויפ'ן טוידטען בריק,
דער לארבער־קראנץ פון א פרייען דיינקער,
אין אונזער יאהרהונדערט איז—קייטען און שטריק.

*

מענש! דוא שטאלצע צוויי־פיסיגע חיה!
מיט וואס נעהמסטו זיך איבער? ערקלעהר נור דאס מיר!
א יעדע פיצינקע פייגעלע פרייע,
האט דאך מעהר יושר און ליעבע פאר דיר.

*

קוק וויא פריי זיא בויט זיך איהר נעסט,
ערנערט זיך פריי מיט איהר אייגענער קראפט,
האט נאהרונג א אבדאך אין שטורם, אין פרעסט,
און איז ביי קיינעם ניט פערשקלאפט.

*

זיא בעגעגענט דיא זוהן מיט א זיסען געזאנג,
שעפט פרישע לופט, שוועבט אין דער פרייע,
און וויים גאר ניט וויא אונגליקליך, קראנק
איז דארט אויף דער ערד דיא צוויי־פיסיגע חיה.

*

זיא וויים ניט פון בלוטיגע מארד־קאנאנען,
זיא וויים ניט פון קייטען, גאלגאן, אסטראג,
פון דיא פערפעסטעטע קירכען און טהראנען,
וואס מאכען נאכט פון דעם ליכטיגען טאג.

*

זיא ווייסט גאר ניט, אז מיר מענשען האבען
א ציוויליזאציאן, וואונדערבאר,
זיא קען טויזענדער מענשען בעגראבען,
און דערביי ניט געבען זיך א קרים זיך זאגאר.

*

זיא האט אויף יעדען טריט עשאפאטען,
א אפענעם און געהיימען טיראן —
דא ערמארדעט מען אונז דורך עלעקטרישע דראטען,
דארט צורייסט אויף שטיקער דער אייזענבאהן.

*

דא פערשיט מען אונז אין א קוילען־מינע,
דאס פאלט מען פון עלעווייטער אראפ,
אין דער פרייער ציוויליזירטער מדינה
הייננט אויף א האאר אונזער ארעמער קאפ.

*

ענטוויקלונג, פראגרעס! — דאך, פייגעלע זיסע,
וויא איך זעה איז דיר אונבעקאנט אונזער וועלט,
דוא וויכסט דיא ערד וויא דיא פינסטערע תפיסה,
וואו דיא זוהן איז מיט אייזערנע וועגט פערשטעלט.

*

אך, איך בין דיר מקנא, פייגעלע פרייע,
זינג הויך! און זיי צופריעדען דערפון,
וואס דוא ביזט א בייזע צוויי־פיסיגע חיה,
וואס שענדעט דיא פרייהייט, וואס שפייט אויף דער זוהן.

*

זינג הויך! און מיט דיינע פרייע ליעדער
דערמאן דעם מענשען אז אויך ער קען זיין פריי,
ערוועק־ערוועק מיינע ליידענדע ברידער
פון דעם ביטערען שלאף דער שקלאפעריי.

*

פליה, פייגעלע הויך! און מיט דיא פרייע פליגעל,
קלאפּ אן אין דעם פענסטער'ל פון „דשוליעט",
וואו עס שמאכטען מענשען אונטער שלאס און ריגעל,
דערפאר, ווייל זיי האבען פיר פרייהייט גערעדט.

*

גיב זיי אפּ א גרוס פון א עלענדען זינגער,
וואס דיינקט פון זיי אימער מיט טרעהרען און שמערץ —
פיליכט וועט זיי ווערען א ביסעלע גרינגער,
ווען זיי הערען א ווארט פון א פרייעם הערץ.

דיא געפאלענע.

וואס קוקט איהר אויף מיר מיט פעראכטונג?
וואס ווארפט איהר שטיינער אויף מיר?
איהר זאגט, איך פערקויף מיין עהרע —
האנדעלט איהר זעלבסט ניט מיט איהר?

*

איהר זעהט דיעזע „פיינע" פרויען,
געקליידעט אין גאלד און אין זייד,
פערקויפען זיי זיך ניט גאנץ אפען,
צו רייכע אנשטענדיגע לייט?

*

נור איך פערקויף זיך אין ארמוטה,
אין הונגער, דערפאר ווייל איך מוז,—
און זיי פערקויפען דיא עהרע,
אין רייכטהום—פאר איבערפלוס.

*

איהר זאגט, זיי האבען געהייראט...
ווייסט איהר, וואס דאס בעטיידט?...
פיעלע הייראטהען... דאך ליעבען —
ווער ליעבט דאס אין אונזער צייט?!

*

מען הייראטה פאר געלד, פאר רייכטהום,
פאר א טיטול פון א גראף,
מען הייראטה צו האבען א קעכין,
מען הייראטה צו האבען א שקלאף...

*

דאס הייראטהען איז יעצט א שווינדעל,
אויפ'ן שמוציגען לעבענס מארק,
א מאסקע פיר ווילדע אינסטיקטען,
פיר הייליגע ליעבע א זארג.

*

קען א חופה אדער א קלויסטער
מאכען הייליג פראסטיטוציאן,
א פראסטיטוטקע ווערען א געטטין,
ווען זיא א **קארטע** האט, אדער טהראן.

*

אויב ניט, ווארום פיר דיא רייכע,
נעהמט איהר דיא הוט אראפ —
און פון אונז — עלענדע אפפער —
מיט פעראכטונג קעהרט איהר זיך אפ.

*

און איהר שרייבער, פראפעסארען,
פריידיגער פון מאראל,
פערקויפט איהר ניט אייער עהרע
פיר דעם גאלדענעם מעטאל.

*

פריידיגט איהר דען דיא ווארהייט ?
דאס, זאגט איהר, ווערט ניט בעצאהלט,
נור שמוציגע ליגען, נור פאלשקייט —
ברייננגט אייך קאמפארט יעצט און גאלד.

*

זייט איהר דען ניט פראסטיטוקעס
מיט געפאלענע פרויען צו גלייה ?!
נור מיר זיינען ארעם און עלענד —
און איהר זייט שטאלץ און רייך.

*

מיר פערקויפען זיך אין דער דונקעל
איהר—אין ליכטיגען פארלאמענט,
אונז בעגראבט מען מיט פלוך, מיט שאנדע,
אייך שטעלט מען א מאנומענט.

*

און ווער האט אונז געמאכט וואס מיר זיינען —
היימלאז, פערלאזען, געמיין ?
ווער האט גערויבט אונזער אונשולד,
אונזער יוגענד—אויב ניט איהר אליין ?!

*

פון קלייסטערס, טעמפעלס, טריבונעס,
וואו „מאראל" פריידיגט איהר נור,
קומט איהר צו אונז בעשימפפען
זיטליכקייט, עהרע, נאטור.

*

איהר ווארפט אונז ארויף אויף דיא סטריטען,
און, ווען מיר בלוטען אין הונגער, אין שאנד,
שרייבט געגען אונז געזעצע,
אייער מערדערישע האנד.

* * *

וואס קוקט איהר אויף מיר מיט פעראכטונג?
נעמט צוריק אייער שמוציגען שטיין,
ווער האט אונז געמאכט וואס מיר זיינען?
ווער? אויב ניט איהר אליין!

עס טאגט!

(א קאמפף ליעד געזונגען מיט דעם מאטיוו פון דער רוסישער פאָלקסליעד
„פּאָיעבאַל קאַזאַק מאָלאָדאָי נאַ טשוזבינו").

ארבייטער, ברידער, איהר הערט וויא עס דונערט?
איהר הערט וויא עס ברומט, וויא עס קראכט?—
שימשון הגיבור פון אונזער יאהרהונדערט
האט פון זיין שלאף אויפגעוואכט.

דער שקלאף האט ערוואכט פון זיין פינסטערען דרימעל,
ער גרייפט יעצט צום פאנצער און שווערד,
ער וויל ניט מעהר וויסען פון גאט אויפ'ן הימעל,
ער וויל ניט קיין הארר אויף דער ערד.

איהם שרעקט ניט מעהר איבער דיא פאהנע, דיא רויטע,
ער ווייס, אז מיר ווערען פערפאלגט
דערפאר, ווייל מיר ווילען צוברעכען דיא קייטען,
דיא קייטען פון ארעמען פאלק.
ער הערט מיט בעגייסטרונג דיא הייליגע לעהרע

פון פרייהייט, פון מענשליכע רעכט,
ער ווייס, אז צו קעמפפען פיר איהר איז אן עהרע,
א שאנדע—צו בלייבען א קנעכט.

אה, ברידער, זייט מונטער! עס הויבט אן צו טאגען,
ניט ווייט איז דיא ליכטיגע זוהן —
מיר זעהען שוין טויזענדע, טויזענדע טראגען
מיט שטאלץ אונזער בלוטרויטע פאהן.

נור לומפען, נור טרוסען אין אונזערע צייטען,
וואס בייטען אידעען וויא שיך,
קענען יעצט בלייבען שטעהן פון דער ווייטען,
פערזומפפט אין דעם אייגענעם „איך".

אבער דער מענש, אין וועלכען עס פלאקערט
דער פרייהייטס הייליגער שטראהל,—
דער קען יעצט ניט רוהען, ער ארבייט, ער אקערט,
ער בלוטעט — פיר זיין אידעאל.

אויף צו דער ארבייט, איהר מענער, קאמעראדען,
וואַרהייט מוז האבען איהר זיעג,
דיא הערצער בעגייסטערט, דיא ביקסען געלאדען:
ארבייטער, פארווערטס צום קריעג!!

צו דיא פערטהיידיגער פון פינסטערנים.

וואס לארמט איהר, ארטהאדאקסען?
ווילט איהר, אז דאס יודענטהום
זאל נור באשטיין פון אקסען,
וויא איהר אונוויסענד אין דום?!

*

איהר ווילט מיר זאלען זיך בוקען,
צו אייער פינסטערען גאט,
און בייגען דעם קאפ און רוקען
פיר יעדען פרומען אידיאט.

*

איהר ווילט מיר זאלען אנטלויפען
וויא איהר פון ליכט און פערשטאנד,
פיר א סענט לייב און זעעלע פערקויפען,
אבי זיצען אין מזרח וואנד.

*

יעדע צייט האט איהר נייע תורה —
אונזער תורה איז פרייהייט און רעכט:
און ביי אונז איז דיא גרעסטע עבירה
צו זיין א געהארכזאמער קנעכט.

*

מיר האבען אויך נייע פראפעטען —
בערנע, לאססאל, קארל מארקס,
זיי װעלען פון גלות אונז רעטען,
ניט מיט פאסטען און הייליגען װאקס.

*

זיי זאגען: איזראעליטען,
אייער ליידען װעט נעהמען א ענד,
װען טיראנען און יעזואיטען
װעלען פאלען פון שקלאפענהענד.

*

װען פרייהייט װעט צוגיעסען
איהר הייליגעס ליכט אומעטום,
נור דאן װעט פון צרות ניט װיסען
דאס ליידענדע יודענטהום.

*

זיי רופען אונז אין דיא רייהען
פון דיא אלטװעלטליכע קנעכט,
װאס קעמפפען דיא װעלט צו בעפרייען
און געבען איהר מענשענרעכט.

*

וואס ווילען, אז אללע נאציאנען
זאלען איין פאמיליע זיין,
לעבען אהן קייטען, אהן טהראנען,
אין ליעבע, אין זאנענשיין.

*

דיא מענשהייט זאל ניט וויסען
פון קיין אונטערשיעד,
א יעדער זאל פרייהייט געניעסען
סיי טערק, סיי קריסט, סיי איד.

*

א יעדער זאל מענשליך לעבען
און וויסען וואס לעבען בעטיידט,
און ווער וויא דער איד דארף שטרעבען
צו דיעזער היילינגער צייט?!

*

ווער האט אזוי ביטער געליטען
וויא ער פון טיראנניי?!
פון דיא געקרוינטע באנדיטען
און פינסטערע שקלאפעריי.

*

געגוג זיך צו בוקען צו געטער,
צו פפאפען, געלזעק און טהראן,
איד! דיין איינציגער רעטער
איז דיא גרויסע רעוואלוציאן!

*

צו איהר, איזראאיליטען,
פארוועדם מיט האפפנונג און מוטה,
געגוג האבען פאראזיטען
געטרונקען אייער בלוט.

*

יעדע צייט האט איהר נייע תורה –
אונזער תורה איז פרייהייט און רעכט:
און, ברודער, דיא גרעסטע עבירה
איז צו זיין געהארכזאמע קנעכט.

צום געבורטסטאג.

פארביי איז א יאהר, זייט דוא ביזט געבארען,
בעגריסט האט מיין מוזע דיין ערשטען שטראהל
און האט דיך מיט ארבייטער טרעהרען בעשווארען
צו געהן אונערשראקען צו דיין אידעאל.

איך שמייכעל דיך ניט, פרייע ארבייטער שטימע,
שווער וואר דיין קאמפף, ניט גרוים דיין ערפאלג,
דיך האבען פערלוימדעט דיינע פיינד, דיא שלימע,
דיא ווארהייט ערשרעקט דאס אונוויסענדע פאלק.

ווען דוא וואלסט רעפארמעלעך זיסע געפרעדיגט,
ווען דוא וואלסט דער מאסע געשמייכעלט, געלעקט,
איהר יעדען אונוויסענדען שריט פערטהיידיגט,—
דאן וואלט זיא מיט קראנצען דיין הויפט בעדעקט.

דאך שענדליך זיינען דיא בלומענקראנצען,
מיט וועלכע מען ווערט פון דומהייט געקריינט,
פאר חנפ׳ענען, פאר פאליטישען טאנצען,
פאר זאגען ניט דאס, וואס מיר האבען געדענקט.—

ניין! בעסער געקרוינט זיין מיט גיפטיגע דערנער,
דערפאר, ווייל דיא ווארהייט אליין איז אונז ליעב.
דערפאר, ווייל מיר האבען וויא טרייע זעלנער
אין שלאכטפעלד, פערטהיידיגט אונזער פרינציפ.

בעסער שטיינער, וויא מאנומענטען,
בעסער אין קערקער, וויא אין פארלאמענט,
בעסער קללות, וויא קאמפלימענטען
דערפאר, וואס מיר האלטען אין פאקעטס דיא הענד.

שווער איז דיין קאמפף! דיא שטורמישע וועללען
ברעכען דיא שיף, עם דונערט און בליצט,
דיא יונגע מאטראזען דיא רויטע רעבעלען,
קעמפפען מיט טרעהרען פון שטורם בעשפריצט.

ווען איינער פערמאטערט פאלט ביי דעם רודער,
שטעלט זיך א צווייטער באלד אויף זיין פאסט.—
א חמארע! א ברודער דערקענט ניט זיין ברודער,
דאך ווערט פון מאטראזען דיא שיף ניט פערלאזט.

אה, ניין! דיא פרייהייטס שיף איז אונז הייליג,
זיא וועט אונז ברענגען אהין, אין דאס לאנד,
וואו עס גיעבט ניט קיין שקלאף און קיין קעניג,
וואו פריי איז דאס מענשליכע הערץ אין פערשטאנד.

אהין, וואו מען ווערט ניט געהאסט און געטריבען,
אהין, וואו מען ווייס ניט פון טיראניי,
אהין, וואו דיא מענשהייט וועט לעבען און ליעבען,
ליעבען און לעבען גליקליך און פריי.

פארווערטס, ברידער, דורך שטורמי'שע וועללען!
איך שווער: ניט אומזיסט איז דיא ארבייט און מיה,
פון דעם וואס בעלאנגט צו דיא רויטע רעבעלען
און שווימט מיט דער שיף, וועלכע הייסט—אנארכיע!

צום אנדענקען

פון

ניקאלאי וו. שעלגונאוו.

פינסטער איז רוסלאנד, ווילד איז איהר הענקער,
דאך זיס איז דאס פרייע, רוסישע ווארט,
א בילד פון א רוסישען קעמפפער און דענקער
פארנעמט אין מיין הערצען דאס הייליגסטען ארט.

שעלגונאוו! אח, וואס פיר א טרייער
אפאסטאל פון פרייהייט, פון מענשענרעכט,
מיט וואס פיר א ליעבע, מיט וואס פיר א פייער
האט ער פערטהיידיגט דיא ארעמע קנעכט.

ער האט מיט זיין קריטישען מעסער געשניטען
יעדען שווינדלער און רויבער מיט ברענענדע! וואוטה,
און, וואס דאס ליידענדע פאלק האט געליטען,
האט ער פערצייכענט מיט טרעהרען און בלוט.

ער איז געשטארבען, דאך ברענט און פלאקערט
זיין פאקעל אין רוסישען שטורמווינד,—
וואס שעלגונאוו האט געזייהט און געאקערט,
בליהט אין דער רוסישער יוגענד אצינד.

עס בליהט, און עס שפריצט מיט גליהענדען פייער
און יעטווידער פונק פון הייליגען פלאם
בעשאפט פיר רוסלאנד א נייעם בעפרייער,—
פיר ווילדע טיראנען א גיפטיגען סם.

דער זעלנער.

(נאך היינע)

א אידעל, א זעלנער שטעהט איינזאם
אין רוסלאנד אויף זיין פאסט —
ער שטעהט אין שניי בעגראבען
פערגליווערט פון דעם פראסט.

ער טרוימט פון זיינע ברידער.
וואס לעבען אין א פרייע וועלט —
וויא פרעהליך שיינט דיא זאננע
און ס'בליהט דער גרינער פעלד.

שטאלץ שטעהט ער אין דעם שטורם,
זיין ביקס געדריקט אין האנד —
ער איז נאך ניט פערלארען,
וויא לאנג עס איז נאך דא א פרייעס לאנד...

דיא טאגעס־פראגע.

וואס געהט מיך אן ווען ער וועט קומען,
דער טאג פון אלגעמיינעם גליק —
צו וועל איך פליקען זיינע בלומען
צו וועל איך הערען זיין מוזיק!

צו וועל איך זעלבסט געניסען פירות
פון פרייהייטס זיסען פאראדיז,
אדער דיא קינפטיגע דורות
וועלען דארט לעבען פריי און זיס!

איך בין ניט קיין הענדלער אום צו טראכטען,
צו וועל איך זיין בעצאהלט דערפאר
וואס איך וועל העלפען דעם פערשמאכטען,
דעם אונטערדריקטען אין געפאהר.

פאר מיר איז נור דיא פראגע וויכטיג:
צו קומט דער שעהנער אידעאל?
צו עס וועט ווערען א מאל ליכטיג
אין אונזער יאמער־טהאל?

דאך ווען עס קומט—צו היינט צו מארגען,
דאס געהט מיר וויניג אן!
איך וועל פאר איינס בלויז אימער זארגען –
מיין מענשען־פליכט זאל זיין געטהאן!

און וויא דער שטורם זאל ניט ווארפען
מיין שיפעל אין לעבענס־אקעאן,
און וואס אויסליידען איך זאל ניט דארפען
פון יעדען הארצלאזען טיראן –

דאך האלט איך הויך דיא רויטע פאהנע,
און קלינג מיט שטאלץ אין פרייהייטס־גלאק,
איך וויים עס קומט דיא פרייהייטס־זאננע,
איך קלינג מיט שטאלץ אין צורוף־גלאק!...

„שׁ פּ א נ י ע״...

שפּאניע!—צופּוילטער טהראָן
פון דער בּלוטיגער אינקוויזיציאָן!
דיין פאָלק איז פערשקלאַפּט בּערויבּט און צוטראָטען
און ווען עס ערהויבּט זיין טרעהרען־שטים,
ווילסטו מיט מאָרד, מיט בּלוט־עשאַפאָטען
דערשטיקען איהם.

דומע טיראַנען! דיא אינקוויזיציאָן
מיט איהרע גראַנאַטען און פינסטערען טהורעם
וועלען ניט טוידטען דיא רעוואָלוציאָן —
איהר זייט דיא וואָלקען, זיא איז דער שטורם!

זיא קומט, דיא טאָכטער פון ראָבּע און צאָרן,
דיא טרעהרען פון פאָלק האָבּען זיא געבּאָרען,
אין דעם אַרבּייטערס בּרענענדע וואונדען
איהר רויטען פאַקעל אָנגעצונדען.

זיא קומט! און וועה איז צו אייך, דעספּאָטען,
וואָס האָבּען דאָס פאָלק גערויבּט און געטראָטען,
וואָס האָבּען געוואָלט מיט מאָרד, מיט עשאַפאָטען
דערשטיקען דעם פרייען גייסט!

ווען דער שקלאף זיינע קייטען צורייסט,
צובּרעכט ער אויך אייערע טהראנען !—
איהר געקרוינטע אינקוויזיציאנען,
עס ווערט פון אייך שטויב, דאך מען וועט אייך דערמאהנען
דערמאהנען אלס מערדער, אלס בּלוטיגע הענקער,
וואס האבּען געשיקט יעדען עהרליכען דענקער,
יעדען פריינד פון פרייהייט וויא טיגרען פערפאלגט,
ווייל ער האט געליעבּט דאס ליידענדע פאלק!

דאך דיא, וואס איהר האט געשטיקט און דערווארגען,
דיא וועלען וויא א ליכטיגער מארגען
שיינען אין דער קומענדער צייט,
ווען אלע און יעדער וועט זיין בּעפרייט.—

* * *

פארווערטס, איהר קעמפּפער דער אנארכיע!
וויא שעהן, וויא גרויס, וויא הייליג איז זיא,
דיא געטין פון פרייהייט, וואס האט ניט קיין שיעור,
וויא זיס איז צו לעבּען און שטארבּען פיר איהר!...

די הונגעריגע און די זאטע.

די הונגעריגע שרייען נאך ברויט —
די זאטע פילאזאפירען,
די הונגעריגע שטארבען פון נויטה —
די זאטע פארלאמענטירען.

די הונגעריגע בלוטען און שטרייטען
מיט דער הערשענדער רויבער באנדע:
די זאטע שטעהען פון דער ווייטען,
און שרייען „עס איז א שאנדע!“

„גנב'ענען ברויט,—אך, איהר בטלנים!
„לומפען פראלעטאריאט!
„מיר זיינען מיט אייך קיין מחותנים“,
ערקלעהרט דער „עס“ דעמאקראט.

„באם!“ מעקען איהם צו זיינע פיה,
„באם!“ ענטפערט זיין עזעל־קווארטעט.
אך! אבשאצען דיעזער פילאזאפיע
קען נור דער, וואס איז זאט און פעט!

דאך דער ארעמער, פוסטער מאגען
קען דאס גארניט פערשטעהען,
און ער וועט אין גיכען צושטערען, צוטראגען
יעדען טהראן, יעדען קערקער־שטיין.

* * *

דיא הונגעריגע שרייען נאך ברויט —
דיא זאטע פילאזאפירען,
דיא הונגעריגע שטארבען פון נויטה —
דיא זאטע פארלאמענטירען!...

צו דיא פינסטערע בטלנים.

וואס קריצט איהר מיט דיא ציין, איהר פינסטערע בטלנים?
איהר ווייסט דאך, אז א פריהלינג מאכט ניט איין שוואלב,
איהר קענט נאך וויא אימער, מיט א רחמנות־פנים,
וויא בעטלער, בוקען זיך צו אייער גאלדענע קאלב.

איהר קענט, וויא אימער, נאך האפען אויף נדבות,
זיין גרויסע פאטריאטען און לעבען פון „חאפ־לאפ",
און רופען אין דער לאנד פון אונזערע טוידטע אבות,
אהין, וואו עס הונגערט יעצט דער טערק און דער אראב.

דיא וועלט איז דום געגוג, איהר קענט נאך שווינדלען, רויבען
אלעס אין נאמען פון'ם אונטערדריקטען איד —
און ער, דער עלענדער, ער מוז אייך אלעס גלויבען:
בעדעקט מיט פינסטערנים איז זיין יעדער שריט.

דאך ניט דענקט, אז איהר וועט הוליען עוויג,
עס קומט די צייט, דיא וואונדערבארע צייט:
עס וועט ניט זיין קיין בעטלער און קיין קעניג
און יעדער פאלק און מענש וועט זיין בעפרייט!

דאן ציטערט, איהר גנבים, פאראזיטען!
מען וועט אייך ברייגגען פאר דעם פאלקס־געריכט
און איהר וועט פערשווינדען היפאקריטען,
וויא פינסטערנים פיר דאס זאננענליכט!

צום ארבייטער.

וויא שווער עס זאלען ניט זיין דיא וועגען,
וואס פיהרען צו פרייהייט, וואס פיהרען צום זיעג,
שטרענג אן דיינע קרעפטען! און פירכטלאז בעגעגען
דעם שטורם און פייער פון ביטערען קריעג!

אויף דיר וועלען בילען גראבע בולדאגען,
דער פיינד וועט קריצען אויף דיר מיט די ציינער,
יעדער שורקע וועט א האס אויף דיר טראגען,
יעדער היפאקריט אויף דירווארפען א שטיין!

מען וועט דיך פערליימדען, דאס בלוט פון דיר צאפען,
דער, פאר וועמען דו קעמפפסט, וועט דיך האסען זאגאר,
דיא ביטערע נויטה וועט אין מהיר צו דיר קלאפען,
דאך זיי א מענש אויך אין נויטה און געפאהר!

פערגעס ניט, וויא הייליג, וויא גרויס איז דיא זאכע,
פיר וועלכע דו קעמפפסט! איהר הייליגע זיעג
וועט ברייננען פיר אללע עלענדע, שוואכע,
פיר אללע פערשקלאפטע פרייהייט און גליק!

פערגעס ניט! און לאז דיין שטימע ערקלינגען
איבער דער גאנצער ליידענדער ערד,
און נור דער טוידט אליין זאל דיך צווינגען
אוועקלייגען דיין פאהן און דיין שווערד.

צו דיא גאט׳ספארכטיגע בירגער.

1.

מיר קומען צו אייך מיט דער פאהנע דער פרייהייט,
מיט דעם פאקעל פון ריינעם פערשטאנד,
מיר צייגען אייך אויף דיא אונשטערבליכע װארהייט
מיט דער װיסענשאפטס אייזערנע האנד!

2.

איהר װילט אונז ניט הערען, איהר קריצט מיט דיא צייהנער
פערדאמט אונזער דענקען און טהאן.
איהר שלעפט אונז אין קערקער. איהר װארפט אויף אונז שטיינער
אין נאמען פון געלדזאק און טהראן.

3.

דאך מיר װילען ריידען, און מיר װעלען ריידען,
אה, דומע קנעכט פון גאט מאמאן!
מיט אונז איז דיא װארהייט! איהר קענט אונז ניט שיידען
פון איהר אונבעזיעגבארען פאהן!

4.

יעצט זאגען מיר אייך: געגוג שוין צו גלויבען!
װער פון אייך װייס ניט ריכטיג דעם סוד,
אז גראדע װיא אונטען, אזוי אויך דארט אויבען
גיבט ניט קיין שפור פון אירגענד א גאט?

5.

און וואלט נור געוועזען אה, אידען! א בורא,
א גרויסער, שטארקער, אלמעכטיגער גאט —
וואלט ער דערלאזט דען, אז איהם און זיין תורה
זאל מען בעדעקען מיט חרפות און שפאט?

6.

וואס מאכט מען היינט ניט פון רבונו של עולם?
מען שימפפט איהם און שמוצט איהם גאר אהן א שיעור
און דאך זיצט ער זיך וויא א ליימענער גולם,
און גיט זיך צו מאהל ניט אפילו קיין ריהר!

7.

און ווייסט איהר ווארום? עס איז פשוט ניטא
ווער און וואס זאל זיך אנהויבען ריהרען,
ווארום דער ביי וועמען א גאט איז נאך דא
פעהלען אימער אין קאפ געהירען!

8.

אה, ניין! וועןווירקליך עס זאל עקזיסטירען
א גאט, וואס נור ער דריקט אונז און פלאגט,
וואלט מען נויטהיג געדאפט איהם עקספלאדירען,
וויא דער זיידע באקונין האט געזאגט.

* * *

פוסט און גאטלאז ברידער, איז דער הימעל,
יעדער דענקער וויים דערפון —
און מיר זאגען: „וואכט אויף פון אייער דרימעל,
ערבליקט דיא ליכטיגע זון!"

9.

פערהאסט ניט דיא ווארהייט, ויא איז אייער רעטער,
יאהרהונדערטע קעמפפט זיא פיר אייך,
זיא וועט דיא מענשען מאכען פיר וואהרע געטער,
און דיא ערד פיר—א הימעל רייך.

10

פערהאסט ניט דיא ווארהייט און איהרע פראפעטען,
ערקענט זיי אלס ברידער, אלס פריינדע:
זיי קומען אייך וועקען, זיי קומען אייך רעטען
פון אייערע בלוטיגע פיינדע.

11

זיי קומען ערֿאינערען אייך אן דיא פפליכטען
פון א יעדען פראלעטאריאט:
צו דענקען, צו קעמפפען, צו העלפען פערניכטען
דעם געלדזאק, דיא קירכע און שטאאט.

12

מיר קומען צו אייך מיט דער פאהנע דער פרייהייט
מיט דעם פאקעל פון ריינעם פערשטאנד,
מיר צייגען אייך אויף דיא אונשטערבליכע ווארהייט
מיט דער וויסענשאפט'ס אייזערנע האנד.

צו א פריינד.

דאס שיפעלע לויפט צווישען רוישענדע וועללען,
דער שטורם ווערט שטארקער מיט יעדער מינוט,
דער וועג איז געפעהרליך... דאך שטארק איז דער זעגעל
עהרליכער שיפער, פערליער ניט דיין מוטה!

*

עס ווערען אלץ בייזער דיא קעמפפענדע שטראמען,
דאס שיפעלע ווארפט עס ארויף און אראפ:
עפעס צורייצטע, העסליכע ברואים
שטעקען פון וואסער ארוים זייער קאפ...

*

זיי עפענען ברייט דיא פערבלוטיגטע מיילער,
דאך שנעל טראגט דער שטורם דיך ווייטער אוועק —
עס בליצט און עס דונערט, עס בויגט זיך דער זעגעל:
עס ליעגט צווישען פעלזען דער שרעקליכער וועג.

*

דאך זעהסטו פון ווייטען דארט רויטע סיגנאלען...
דאס קומט דיר צו הילפע דיא הייליגע צייט!
עס דעמערט דער מארגען—פערלאז ניט דעם רודער!
קעמפף מיט דעם שטורם! דער ברעג איז ניט ווייט...

א גוט ווארט.

זייט איהר מענשען—האנדעלט מענשליך!
האט אין זינען אייער ציעל!
גיט קיין פלאץ אין אייער הערצען
א קליינגייסטיגען געפיהל!

ניט פארגעסט, פארוואס מיר קעמפפען!
ניט פארגעסט, אז פאר'ן טיהר —
שטעהט דיא מאסע, דיא וואס בלוטעט!—
דיא וואס ליידעט אהן א שיעור!

זייט איהר מענשען, האנדעלט מענשליך!
ניט פערליערט זיך אין געפאהר!
וועקט מיט ווערטער! וועקט מיט טהאטען
דעם פערשקלאפטען פראלעטאר!

נ י ט ע ו ו י ג.

נים עוויג וועלען זיי דויערען
דיא קאלטע פינסטערע נעכט,
נים עוויג וועט פאר זיך מויערען
נור פינסטערע קערקער דער קנעכט.

*

נים עוויג וועט ער בויען
פיר זיינע טיראנען פאלאסטען,
ווען ארימע קינדער און פרויען
הארעווען, שמאכטען און פאסטען.

*

ניין! ברידער, דער פריהלינג מוז קומען
מיט זיין היילינגע זאנענשיין,
און וועלכע עס לאכען דיא בלומען
און עס פליסט דער לעבענסוויין.

*

נים לאזטזשע דיא קעפ ארונטער!
נים שטעהט אויף'ן האלבען וועג!
פארווערטס! שטאלץ און מונטער!
פארווערטס, צום היילינגען צוועק!

דיכטער?

עס איז א מעלה צו זיין א פאעט,
דאך וויא שלים, ווען מיט אייך אויף איין ברעט
שטעהט א שורקע מיט צוויי געזיכטער,
מיט עזעל־אויערן, און איז אויך א דיכטער.

היינט פיר א שנאפס מיט א פאר קארטאפעל
וועט ער לעקען דעם רייכענס פאנטאפעל,
מארגען פיר א קוואדער לאהן
שרייט ער: עס לעבע דיא ארבייטער פאהן.

דאך וואס געהט דאס אן דער וועלט,
וואו אלעס פערקויפט זיך אפען פיר געלד?
מעגסט זיין א שורקע, מען דארף קיין פרינציפ,
אבי עס גראמט זיך ביסטו אונז ליעב.

אונזער „פרייהייט".

אין דעם שטאאט, דיא פאליציי,
אין דער פרעסע, דיא צענזורע:
אללע שפייען יעצט גאנץ פריי
דער גערעכטיגקייט אין צורה.

דאך איך זעה שוין פאלען, זינקען,
שטאאט, דיין אלטע שקלאפענהויז!
און דיא שפייערס וועלען טרינקען
וואס זיי שפייען יעצט אויס...

דער אלטער שמיעד.

עס זיצט אויף אן אינזעל איין אלטער שמיעד,
לאזט קרעפטיג זיין האמער ארונטער,
דאס אייזען גליהט, וויא זיין געמיטה,
זיין הערץ איז שטאלץ און מונטער.

ער ארבייט און שמידט אן אייזערנע קייט
פיר דעם גאט מאמאן,
פיר יעדען טיראן וואס ליעגט צושפרייט
אויף זיין בלוטיגען מהראן.—

דער האמער קלאפט, דיא פונקען פליהען,
דאס בלוטיגע אייזען גליהט,
ניט אימער וועט דאס פאלק פאר אייך קניהען!
דענקט דער אלטער שמיעד.

„ניט אימער וועט קנעכטשאפט זיין פערגעטערט.
„דאס פאלק הויבט אן צו פערשטעהן.
„איך שווער: מיין אייזערנער האמער צושמעטערט
„אייער גאלדענע קרוין!

פון מיין טאגע־בוך.

א דונקעלער צימער א פעדער, א טינטער,
צייטונגען, ביכער, פאפיער —
איך זינג פון פריהלינג, דאך פיהל איך א ווינטער
וועהט און שנייעט ארום מיר.

א שרעקליכער ווינטער! דיא עדעלע ראזען,
וואס האבען דיא וועלט געציערט,
זילבערנע קוואלען, פפלאנצען און גראזען,
אללעס ווערט טוידט, אללעס פריהרט.

דער פייער וואס האט אין מיין הארץ געפלאקערט
איז שוין ניט מעהר אזוי רויט,
דאס, וואס איך האב געזייט און געאקערט,
ווערט פערגליווערט, פערשנייט.

עס פאלען אויף אייז מיינע הייסע טרעהרען...
דאך האלט איך מיין בענער פעסט,
עס וועלקען דיא בלומען... אבער דיא שטערען
האבען קיין מורא פאר פרעסט.

קען דען דער ווינטער דויערען אימער?
אה, ניין! איך האלט ניט דערפון!
ניט וויין, מיין פעדער! אויך אין אונזער צימער
קומט נאך דיא פריהלינגס־זון!

דיא רעוואלוציאן.

(נאך דעם דייטשישען)

זיא איז ניט טוידט! איהר קענט זיא ניט דערשלאגען,
זיא לאכט פון אייער צארן, אייער ברומען און ברילען,
איהר מעגט זיא הונדערט מאהל צום קבר טראגען:
אונשטערבליך לעבט דיא רעוואלוציאן.

*

איהר גלויבט, איהר האט זיא געקעטעט און געבונדען,
אופ׳ן גאלגאן דערווארגען, מיט׳ן שווערד דערשטאכען—
און דאך, טראטץ אלע איהרע שווערע וואונדען:
אונשטערבליך לעבט דיא רעוואלוציאן!

*

זיא שטורעמט, פאהרט מיט בלוטיגע לאקען,
מיט פלאמענדע אויגען דורך שטעדט און לענדער—
זיא ציהט אומעטום דיא אלארם־קלאגען:
אונשטערבליך לעבט דיא רעוואלוציאן.

*

יונג און אלט איהר אויפרוף הערט,
בעגייסטערט ווערט מאן און פרוי —
גרייפט מיט קראפט דעם העלדענשווערט:
אונשטערבליך לעבט דיא רעוואלוציאן.

זיא לויפט געשווינד גליק פארקינדען,
איהר לעהרע איז מיט בלוט געטויפט —
געלדזאק, פאפסט און טהראן פערשווינדען:
אונשטערבליך לעבט דיא רעוואלוציאן.

*

וואך אויף, אה, פאלק! עס קומט דיא צייט —
הער איהר רוף און פערלאז דיין געצעלט:
פראלעטאריאט! צום בלוטיגען זיי בערייט!
בעפריי זיך און פריי איז דיא וועלט...

It was a dream.

„Освобожденъ твой край родимый,
„Палъ наконецъ кровавый Римъ!
„Приди ко мнѣ мой сынъ любимый!
It was a dream,
It was a dream!

Не видно старины Московской;
На мѣстѣ стараго Кремля —
Великій памятникъ Перовской
Воздвигла русская земля!

А вотъ и Гельфманъ и Сигида,
Желябовъ съ знаменемъ святымъ!
Отомщена вѣковъ обида! —
It was a dream,
It was a dream!

Русь на свободѣ отдыхаетъ,
И мирно русскій спитъ студентъ,
Онъ въ часъ досуга посѣщаетъ —
Борцовъ великихъ монументъ:

И съ непокрытой головою
Стоитъ въ раздумьѣ онъ предъ нимъ,
Глаза горятъ святой слезою, —
It was a dream,
It was a dream!

Богатъ и Питеръ новой славой:
  На свѣтлыхъ берегахъ Невы
Ужъ нѣтъ Бастиліи кровавой,
  И нѣтъ Престольной головы!

Указовъ намъ никто не пишетъ,
  Въ Сибири мы царей хранимъ,
Россія вольной грудью дышетъ. —
    It was a Dream,
    It was a Dream!

Исчезла тьма... и новымъ вѣкомъ
  Еврей страдалецъ не гонимъ:
Онъ тоже признанъ человѣкомъ, —
    It was a dream,
    It was a dream!

It was a dream! но часъ настанетъ
  И будетъ жизнью этотъ сонъ,
Свободы громъ надъ міромъ грянетъ
  И насъ въ гробахъ разбудитъ онъ!

Къ свободѣ скоро міръ привыкнетъ.
  Читая про кровавый Римъ,
Про наши муки онъ воскликнетъ —
    It was a dream,
    It was a dream!

— פאלשטענדינעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלעהרונגען זיינען אביסעל אבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן אי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

ניטצליכע מעטהאדעס פיר אלע אידען.

דער ענגלישער לעהר־בוך

מיט א ביילאגע, דאס ענגלישע לעזע-בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

איז א פראקטישעס לעהר־בוך פיר יעדען איינגעוואנדערטען אידען, זיך לייכט אויס־צולערנען לעזען, רעדען און שרייבען דיא ענגלישע שפראך פאלקאמען. פרייז 15 ס.

דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאדע.

בעארבייטעט נאך דר. אהנס דאלמעטשער.

איז איינגעטהיילט אין 3 אבטהיילונגען, זיא פאנגט זיך אן פון איי בי סי און ענדיגט זיך מיט דער פאלקאמענער קענטניס פון דער ענגלישער שפראך און דערבייא איז זיא אזוי קינסטליך צוזאמענגעשטעלט, דאס יעדער איינציגער קען גאנץ לייכט אין א קורצער צייט ערלערנען פאלקאמען דיא ענגלישע שפראך, וויא עס איז געטהיג אין לעבען.

„דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאדע" איז א בוך פיר אלע אידען. אפילו דער וואס קען שוין ענגליש, געפינט דארטען אויך פיעלעס נימצליכעס, פון וועלכע ער האט ביז יעטצט גאר ניט געוואוסט. פרייז 25 סענט.

פריינקעל'ס ענגליש־יודישער

בריעפען־שטעלער.

ענטהאלט א אויסוואהל פון ליעבע־בריעף, פאמיליע און פריינדשאפטס־בריעף, געשעפטס־בריעף און רעקאמענדאציאנס־בריעף.

וויא אויך וויא צו פיהרען ביכער, שרייבען קאנטראקטען און אנדערע וויכטיגע פאפירען וואס זיינען נויטהיג פיר יעדען אידען אין אמעריקא. פרייז 25 סענט.

אריטהמעטיק אדער דער רעכען-לעהרער.

פון דוב אריה פריעדמאן.

איז א פראקטישעס מעטהאדע זיך אויסצולערנען רעכענען, זיא פאנגט זיך אן פון ציפער און לעהרענט כסדר חבור, חסור, כפל, חלוק, פראצענט, תשבורת א. ז. וו. ביז צו דעם העכסטען גראד פון דער רעכען־קונסט און איז אזוי פערשטענדליך, דאס יעדער מענש קען זיך גאנץ לייכט אהן מיה אויסלערנען. פרייז 10 סענט.

בוכהאלטונג און געשעפטס־פיהרונג פון ד. מ. הערמאלין.

איז א פראקטישעס בוך צו ערלערנען גרינדליך דיא פאלקאמענע איינפאכע און דאפעלע בוכהאלטונג, וויא עס ווערט געפיהרט אין דער גרויסער געשעפטס־וועלט. פרייז 25 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען, וויא אויך ביי

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

300 פיידזשעס

וועלט בעריהמטע

אפעראס

300 פיידזשעס

„מאצארט“.
„בעטהאווען“.
„וואגנער“.
„ווערדי“.
„מייערבעער“.
„האלעווי“.
„גונא“.
„גאלדמארק“.
„ראסיני“.
„בעליני“.
„דאניצעטי“.
„פוטשיני“.
„מאסקאני“.
„לעאָנקאָוואלא“.
„מאסענע“.
„שטראוס“.
„ביזע“.
„דאן ושואן“.
„פידעליא“.
„טאנהייזער“.
„לאהענגרין“.
„פארסיפאל“.

בעשריעבען און ערקלעהרט אין פליין אידיש

— פון —

ווילליאם עדלין.

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען סוזשעט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אָפעראס. סיי דער וואס געהט אין אָפערא און סיי דער וואס האט ליעב לעזען וועגען דיא פראכטפאָלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אָפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואס פאר א וועלט פון נענוס עס איז דאָ פאר אלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען בײ יעדען וואס האט ליעב צו לעזען די בעסטע ראָמאנען, דראמאס און פאעזיע.

„טריסטאן און איזאלדע“.
„אאידא“.
„ריגאלעטא“.
„טרובאדור“.
„טראוויאטא“.
„הוגענאטען“.
„פראפעט“.
„דיא יודין“.
„פאוסט“.
„מלכה שבא“.
„בארבער פון סעוויל“.
„פיוריטאני“.
„לוציא“.
„לא באהעם“.
„מאדעם באטערפליי“.
„קאוואלעריא“.
„פאליאטשי“.
„נאווארעז“.
„סאלאמע“.
„קארמען“.

פרייז 85 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען

Hebrew Publishing Co.,

85 Canal Street, New York, City.